# ר' בנימין
## פארכאפט ביי
# טעראריסטן




זיידל אלטמאן

# פארווארט

איך בין אויף מיין פאזיציע גרייט צו נעמען שריט ווען ס'פעלט זיך אויס האט מייק אריין געמורמעלט און די קליינע מאשינקע וואס איז באהאפטען צו זיין ארבעל, גוט, ווי נאר ער וואקט ארויס פון דעם בילדינג רוים אים אראפ פון וועג און לאז וויסן ווען די דזשאב איז אוועק ווייל ס'ווארט אונז נאך א לאנגע נאכט.

אקעי קאפי, מורמעלט מייק צוריק צו זיין אויבערהאר טשארלי.

מייק'ס אויגן זענען באהאפטען צום קליינעם קוקער וואס ליגט אויפן רעוואלווער, ער מאכט זיכער נישט אראפצונעמען קיין אויג און נישט פארפאסען די געלעגענהייט.

דזשים זיצט ביי זיך און אפיס און זיין וויסטען חלום קלערט ער נישט וואס דאווארט אים אפ.

די טאג איז היפש פארוואלקענט, די זין נויגט זיך שוין צו מערב זייט און ער גרייט זיך צו פארלאזן זיין אפיס, ער פאקט צוזאם זיינע פאפירן ער לעשט אויס דעם קאמפיוטער ער גריסט א גוטע נאכט פאר זיין סעקרעטאר און מיט א וואנדער פרעגט ער, ביסט נאך דא אזוי שפעט? וואס איז היינט געשעהן?

גארנישט אויסערגעווענליך, אפאר קליינקייטן צו ערלעדיגן און איך גיי אויך שוין.

אקעי, פארמאך די לייטס ווען די גייסט ארויס.

אקעי.

א גוטע נאכט.

ווי נאר דזשים האט פארלאזט די אפיס וועדענדיג זיינע טריט צום עלעוועיטאר, האט זיך מייק'ס טעלעפאון צוקלינגען, א טעקסט מעסעדזש ליינט זיך ווי פאלגאנד : "טארגעט איז אן די וועי".

דער עלעוועיטער טיר עפענט זיך, דזשים וואקט אריין, נישט וויסענדיג אז דאס איז גאר מעגליך זיינע לעצטע פאר מינוטען פון זיין לעבן.

און א בילדינג דערנעבען שטייען צווי פאר אויגן און קוקן אראפ אויפ'ן גאס, מייק ווייסט נישט אז יעדע ריר ווערט אפגעכאפט און ער איז פיר און צוואנציג שעה אונטער אויפזיכט.

עמער יעצט איבער לאזן פאר אפאר מינוט דזשים מיט מייק, און לאמיר זעהן וואס דא שפילט זיך אפ.

•

# קאפיטל ו

א' וארא תשס"ח.

דזשים זיצט און אפיס די טאג איז ווי א גווענליכע ארבעטס טאג, מ'דארף איבער קוקען די פאפירען, געבן פערמיטס, אראפ פארן צום פארט.

בקיצור, א טאג ווי אלע טעג.

זיצענדיג אזוי איבער געבויגן אויף די פאפירן, פעידזש'ד אים זיין סעקרעטערי אז איינער וויכטיג זוכט אים אויפן פאון, אקעי טרענספער די קאלל.

יע, היי דזשים, איך הייס ביל און איך ארבעט פאר א קאמפעני און איראן, איך וויל האבן א פריוואטע מיטונג מיט דיר, ווען איז די בעסטע צייט?

דזשים : מארגן עלעף דרייסיג דא ביי מיר און קאנפרענס רום.

ביל : נישט קיין פראבלעם, עמער זיך זעהן מארגען.

ב' וארא.

ביל קומט אן מיט זיין שיינע מערסעדיס, און האלט א שאפינג בעג און זיין הענט, ער פארט ארויף מיט די עלעוועיטאר און באגריסט דער סעקרעטאר, ער זעצט זיך אריין און קאנפרענס רום אפצווווארטן דזשים.

11:35, דזשים וואקט אריין מיט אן אויסגשטרעקטע האנט און באגריסט ביל.

נאך א קורצע שמועס פרעגט דזשים וואס האט אייך אהער געברענגט דא?

ביל : לאמיר גראד גיין צום ענין, די ביסט דאך אין טשארדזש אויף די שיפמענטס און קאנטעינארס וואס קומען אריין ביים פארט.

דזשים : יא.

ביל : איך האב א שיפמענט וואס דארף אנקומען פון איראן און איך וויל אז די זאלסט דורך לאזן דעם שיפ אן אונטערזוכן...!!!!

דזשים: ביסט פון זינען אראפ? איך קען דאס נישט טון.

ביל: די גייסט עס טון!!

און אזוי רעדענדיג שלעפט ביל ארויס א גאן, מיט א פעקל הונדערטערס און ער לייגט עס אראפ אויפן טיש.

ביל: די קענסט יעצט גיין אויף דעם וועג, און ער צייגט זיין הענט אויף די הונדערטערס, אדער אויף דעם וועג, און ער צייגט אויף די גאן!

יעצט קלויב וואס דו ווילסט!

דזשים נעמט זיך שוויצען און פאנגט אן צו קעקעצען, אבער ביל לאזט נישט אפען קיין צוויי ברירות.

ביל: נו, ווי זעמער?

דזשים: אקעי.

דזשים פאנגט אן צו ווידמען און קאפ א פלאן ווי אזוי זיך ארויסצודרייען פון דא, אבער ביל האט גראד געזעהן מיט וועם ער האנדעלט דא.

ער שטעלט זיך אויף און וואקט צו נאנט צו דזשים און ער צייגט אים אויף א קליינע מאניטער וואס ער האט און טאש, וויסען זאלסטו, זאגט ער אים אריין און אויער, די ביסט פון די מינוט און ווייטער אונטער מיין אויפזיכט, איין קלייניקייט וואס די פלאנסט וואס גייט מיר נישט געפעלן, און דו ביסט א קאפ קערצער.

און אויב מיינסטו אז איך בין מגזם, נאדיר...

ער מישט אים אויף צו טשענעל 2 און ס'קומט ארויף אויפן מאניטער זיין הויז און ער זעהט ווי זיין ווייב האלט אינמיטן צושטעלן סאפער...

יעצט זעהסטו אז איך מיין ביזנעס!!??

און אזוי וואקט ער ארויס מיט א שמייכעל אויסגעצויגן אויף זיין געזיכט.

דזשים זיצט אויף זיין פלאץ פארשטיינערט!

ווי אזוי זעה איך מיך ארויס פון דא טראכט ער צו זיך??

ווי בין איך דא אריין געפאלן?

דזשים פאנגט אן צו קלערן פון זיין יונגט, זיין טאטע, א חסידישער איד, פלעגט וויינען צו אים אז ער זאל זיך האלטן און נישט נאך גיין זיינע שלעכטע חברים, אבער ער איז אייביג קלוגער געווען, נאך זיין חתונה האט ער אינגאנצען אפגעהאקט פון זיין משפחה און מאדערנעזירט זיין נאמען פון בנימין צו דזשים.

יעדעס מאל וואס זיין הארץ האט אנגעפאנגען צו שפילן שולד געפילן האט ער זיך מער אריינגעווארפן און זיין ארבעט און אוועקגעשטופט די מחשבה.

אבער יעצט, זיצענדיג דא אזוי פארלוירן שווימט אלעס צוריק ארויף, ס'פאנגט אן צו דריקן און באנק טאן, ער גלייבט נישט וואס זיין מויל האט יעצט געזאגט אבער זיינע ליפן שעפשעט א תפילה צום באשעפער, און טרעפט זיך צוזאגן אז אויב זעהט ער זיך ארויס פון דעם מצב לעבעדיגערהייט זאגט ער צו זיך אים צוקערן און צוריק ווערן א ערליכע איד.

באשעפער איך בעט דיר, זעה מיך ארויס פון דעם מצב, איך געב דיר מיין עהרן ווארט.

# קאפיטל 2

ביל, ארויסוואקענדיג פונעם אפיס, אנשטאט אראפ פארן אויפן ערשטען שטאק צו די לאבי, איז ער אראפגעפארן ביז די בעסמענט, זיך איבער געטוישט די קליידער צו ארבעטס קליידער אנגעטוהן מיט סאן גלעסעס ער האט אויסגעזעהן ווי א געהעריגע ווערייזן ארבעטארער, ער פארט אראפ און בעסמענט, גייט גראד צו צום טעלעפאון באקס ריקט אריין א טשיפ וואס וועט אויפכאפן יעדע קאלל וואס גייט און קומט פון דזשימ'ס אפיס, ווי נאר ער איז פארטיג געווארן איז ער צוריק ארויפגעפארן צו די לאבי און ארויס געוואקט פון דעם בילדינג, די דאר מען האט געגעבן א קוק אויף אים ווי איינער זאגט פון ווי ביסטו אריין געקומען, אבער ער איז שוין לאנג נישט געוועהן צום באקומען, א קאר האט אים אפגעווארט און אפגעפלויגן פון דארט, זייענדיג און די קאר רופט ער אן זיין בעל הבית טשארלי און מעלדט אים אז דזשים איז מוט אונז און מ'קען גיין ווייטער מיט די פלאן.

טשארלי גייט צו צום קאמפיוטער און זעהט טאקע ווי דזשים זיצט אינגאנצען צושאקלט נאך און די קאנפרענס רום, א ברייטע שמייכעל צוהט זיך אויס אויף זיין געזיכט.

יא, כ'האב געוויסט אז אויף ביל קען מען זיך פארלאזן...

אזוי זיצענדיג אויף זיין סקרין זעהט ער אז א פאון קאלל קומט אריין צו דזשימ'ס טעלעפאון יעצט, ער געט א כאפ די העד סעט, ער זעהט ווי דזשים לויפט צו צום טעלעפאון, העלאו. יא, דא רעדט די דאר מען, האסטו היינט געהאט א מיטינג מיט איינעם? שווארצע האר, ברוינע שיך מיט סאן גלעסעס? יא זאגט דזשים.

אינטערעסאנט, ווייל אריין איז ער געקומען מיט א רעקל און ארויס איז ער מיט ארבעטס הויזן.

דזשים כאפט גראד וואס דא גייט פאר ער פארשטייט שוין אז רעדן דא קען ער נישט.

איך וייס, זאגט דזשים, ער האט געוואלט עפעס זעהן און איך האב נישט געוואלט ער זאל שמיציג ווערן האב איך אים געגעבן אלטע ארבעטס קליידער וואס איך האב דא געהאט, ער האט מיך געפרעגט צו ער קען עס מיטנעמען האב איך געזאגט יא.

המ. פון וואו האסטו פארשאפט א ווערייזאן דזשעקעט?

איך געדענק.? ס'איז דא געלעגן ביי מיר האב איך אים דאס געגעבן, עניוועי, אונז עמער רעדן.

טשארלי זיצט און הערט אויס די שמועס, ער האט הנאה געהאט אז דזשים האט ג'ענטפערט ווי מדארף.

אבער פארוואס ביל האט נישט אבאכט געגעבן פארשטייט ער נישט, ער וועט אים שוין עקסטער אריין געבן פאר דעם.

דזשים זיצט ביי זיין פלאץ און פראבירט זיך מצמצם צו זיין וואס דא האט פאסירט און וואס זיינע אפציעס זענען.

יעצט אזוי, די טעלעפאון איז זיכער אז ער קען נישט ניצען מער, די אפיס איז אויך באוואכט, זיין הויז אויך.

אבער ס'איז אים בייגעפאלן אן המצאה, ער שעפשעט א תפילה צו ג-ט אז ער זאל שטיין צו זיין רעכטע האנט.

ער רופט אן זיין ווייב אז היינט קומט ער נישט אהיים, ער וועט איבער שלאפן און אפיס. זי פרעגט וואס גייט פאר.

גארנישט נאר אסאך ארבעט און מארגען זאגט מען א גרויסן טרעפיק.

אקעי זאגט זי מיט א קענטליכע פארווינדערונג.

פארשטייט זיך אז טשארלי האט אלעס מיטגעהאלטען, און ער טראכט צו זיך, יא יא פארשטייט זיך אז ער פארט נישט אהיים, ער ווייסט אז דארט איז אים גארנישט בעסער, נו פארוואס זאל ער אהיים גיין.

דזשיםווארט אויף פינעף א זייגער די בילדינג פאנגט זיך אן אויסצולליידיגן, ער פארט אראפ מיט די עלעוועיטער צום בעיסמענט.

טשארלי קוקט זיך אזוי צו ווי דזשים פארלאזט דאס אפיס און ווענדט זיינע טריט צום עלעוועיטער, ער ווינדערט זיך דערויף, ער האט דאך גערופן זיין ווייב אז ער קומט נשיט אהיים.

אבער טשארלי איז נישט באזארגט ווייל אויב גייט דזשים יא פארלאזן זיין אפיס וועט ער עס גראד אויפכאפן אויף די קעמרע וואס ליגט באהאלטען קעגען די בילדינג טיר און ער וועט גראד שיקן א קאר אים נאכצופארן.

ער רופט אן ביל און זאגט אים ער זאל זיצען גרייט מיט אן אנגעצונדענע קאר טאמער דזשים פארלאזט גאס בילדינג.

דזשים פארט אראפ און בעיסמענט, און גייט גראד צו צום מעין ברעיקער און רוקט עס אראפ!

די גאנצע בילדינג איז איינגעהילט געווארן און א פינסטערניש, די שוואכע שיין פון די עמערדזשענסי לייטס האבן זיך אנגעצונדען, דזשימ'ס הארץ באכעט...

ער ווייסט אז ער דארף יעצט ארבעטן זייער שנעל...

ער לויפט צוריק ארויף די סטעפס ביז זיין אפיס, ער ווייסט אז יעצט קען קיין קעמערע נישט ארבעטן.

ער נעמט זיין בענקל ער רוקט עס צו צום טיש, ער נעמט צעהן פעקלעך פעיפערס ער שטעלט עס אויף ווי א מענטשעם געבוי מיט אן אראפגעבויגענעם קאפ ער לייגט אראפ זיין גלעזער ביי די זייט אויפן טיש, ער מאכט זיכער אז די בילד זאל אויסזעהן כאילו איינער שלאפט דא מיט די קאפ אויפן טיש, און אזוי פארלאזט ער דעם אפיס ער לויפט צוריק אראפ און בעיסמענט, ער טוט זיך אן שמיציגע קליידער וואס ליגט דארט ארום, ער לויפט צום פארקינג לאט טיר און וואקט ארויס האפענדיג אז קיינער האט נישט באמערקט...

טשארלי זיצט ביים קאמפיוטער אוןווארט צו ער וועט זעהן דזשים פארלאזן די בילדינג, אבער אינמיטן זעהט ער שווארץ!!! ער זעהט נישט גארנישט, ער מישט אויף די קעמערע וואס איז קעגען די בילדינג און זעהט אז דערוויל האט דזשים נישט פארלאזט דאס פלאץ, אבער ער איז נישט רואיג, ער רופט ביל זאל גיין זיצען ביים בילדונג זיכער מאכן אז ער גליטש זיך נישט ארויס.

די מענעדזשמענט פון די בילדינג איז גראד געקומען צו גיין זעהן פארוואס די ברעיקער האט געקראכט, זיי האבן געזוכט און גארנישט געטראפן, אלעס קען געשעהן גיט זיך די ארבעטער א רוף אן צו זיין קאלעגע, ער רוקט ארויף דעם ברעיקער און אלעס ארבעט פיין.

טשארלי זעהט אז די לעקטער איז צוריק ער כאפט א בליק אויף די קעמערע און זעהט ווי דזשים איז צוריק און אפיס און זיך צוגעלייגט פאר א דרימעל...

ער רופט אן ביל און מיט א געלעכטער זאגט ער אים, דזשים האט געזעהן אז ס'איז נישטא קיין לעקטער איז ער געגאנגען זיך צולייגן. כא כא. שלאף דיך אויס. ס'ווארט דיך נאך אסאך אקטיוועטעיטן און די נעקסטע פאר טאג, עניוועי, ביל די קענסט צוריק אוועקפארן, די קרבן שלאפט יעצט, איך וועל אים מאניטערן פון דא.

פון די זייט פון די אויג זעהט דזשים ווי א קאר פארט אוועק פון די בילדינג. די פנים איז אים קענטליך. יא יא. די שטיק האט געארבעט...

אבער די נאכט איז קורץ טראכט ער, איך דארף נאך צוריק זיין בעפאר זיבן מארגען צופרי'...

ער ווענדט זיינע פיס טריט צו...

# קאפיטל 3

ער ווענדט זיינע טריט צום הויפט אפיס פון פב"א.

ער קומט אריין און ביים דעסק בעט ער גראד פאר די הויפט וואס איז און טשארדזש פאר די פלאץ, די חברה מאן ביים דעסק קוקט אים אן און פרעגט אים וואס זיין באגער איז, אבער דזשים נעוועזערהייט ענטפערט אז ער וויל רעדן צום הויפט.

אקעי, זעצט אייך אראפ און מיר וועלן אים לאזן וויסן אז איינער וואס וויל זיך נישט אידענטפעצירן ווארט אויף אים.

ביטע זאגט אים אז ס'איז זייער וויכטיג ווארפט דזשים צו.

אקעי.

נאך אפאר לאאנגע מינוטען וואקט א גרוי האריגער געבויטער מאן ארויס און כאפט א בליק אויף דזשים.

דזשים נעמט אזויס זיין איידי קארד און ווייזט אים אז ער ארבעט פאר די שטאט און ער איז די העכסטע און ראנג ביי די פארט, די אפיציר ווייזט אים אז ער זאל אים נאכוואקן.

דורך וואקענדיג די טיר אריין צו גיין צו די אינעווייניגסטע קארידארן דארף מען זיך אויסטשעקן צו מ'טראגט גארנישט שעדליך מיט אויף זיך, דזשים איז דורך און זעצט זיך אראפ אנטקעגן דעם אפיציר.

אן קיין הקדמות פרעגט אים די אפיציר זיין נאמען, ראנג, און נאך אפאר קלייניקייטן, און צום פוינט, וואס האט דיך אהער געברענגט היינט נאכט אזוי שפעט?

דזשים ברעכט אויס און א געוויין, ער קען קוים קומען צום ווארט.

ער שעפשעט א שטילע תפילה צום באשעפער אז ער זאל האבן די ריכטיגע ווערטער.

און אזוי פארציילט ער די גאנצע מעשה וואס איז היינט פארגעקומען, די אפיציר הערענדיג די מעשה און זיך וועלענדיג איבערציייגן די ווארהייט דערפון, איז ער תיכף ארויף אויפן וועב

און זעהט אז יא, הײנט איז באריכטעט געווארן א קורצשלוס און בילדינג 664 וואס דאס איז דזשימס בילדינג, און די סיבה אויפן קורצשלוס איז אומבאשטעטיגט און נאטירליך.

די אפיציר רופט זיך אן צו דזשים, הער מיך צו, איך נעם די קעיס אויף מיר.

די גײסט דא ווערן א דאפעלטער אגענט, די גײסט ווײטער ארבעטען מיט זײ, ווײל איך מוז דערגײן וואס די שיפמענט איז און ווער ס'שטײט אונטער דעם.

דעס שמעקט פון אן אינטערנעשאנעל סעקיורעטי אישו.

יעצט קום מיט מיר איך גײ דיר געבן א קורצע טרעינונג ווי אזוי מ'נוצט וואפן, און ווי אזוי מ'לערנט זיך צו זעהן אויב אײנער איז אויף די פיס טריט, אא"וו.

נאך א צוויי שעה איז דזשים ארויסגעקומען אן אויסגעשעפטער, ער האט זיך קײנמאל נישט געגלײבט אז ער וועט זיך דארפן לערנען צו זײן א פעלד אגענט, אבער וואס טוט מען נישט זיך צו ראטעווען דאס לעבן.

ער זאגט פארן אפיציר אז ער וויל זיך צולײגן פאר צוויי שעה און נאכדעם דארף מען טראכטען א פלאן ווי אזוי זיך צוריק ארײצובאקומען און די בילדינג.

דזשים האט זיך צוגעלײגט.

אבער די פב"א איז נישט געשלאפן די נאכט...

אן עמערדזשענסי מיטינג איז פאררופן געווארן אויף אײנס דרײסיג בײנאכט פאר פיר ספעציעלע אגענטען פון דעם אפטײלונג, די אפיציר האט זײ אנגעזאגט אז קײנער טאר נישט וויסן אז אזא מיטינג האט בכלל עקזעסטירט.

די פיר אגענטן זענען אנגעקומען און צײט, און די אפיציר האט זײ ערקלערט און קורצן וואס די סיטאציע איז.

געבליבן ביי די מיטינג איז אז די פיר גײען זיך פארשטעלן ווי קאן עדיסאן ארבײטערס, און גײען פארן צום בילדינג זיך פארשטעלענדיג ווי זײ זענען געקומען פארריכטן און אויסטשעקן וואס האט געברענגט די קורצשלוס, און אזוי בשעת מעשה נאכאמאל אויסלעשן די לעקטער פאר א קורצע צײט און אזוי וועט זיך דזשים צוריק ארײן באקומען און די בילדינג.

און פארשטייט זיך אז פון יעצט און ווייטער איז דזשים אונטער די אויפזיכט פון פב"א און יעדעס ווארט וואס ער רעדט ווערט אויפגעכאפט דורך די קליינע שטיקעל וואס מ'האט באהאפטן צו זיין שניפסל, אויך האט מען אים צוגעגעבן א קליינטשיגע באטאן, וואס אויב שפירט ער אמאל אז ער איז און צייט פון א שטארקע נויט זאל ער דריקן דעם באטאן און דאס וועט גלייך אלאמירן פב"א אז מ'דארף נעמען ערנסטע שריט.

פינעף אזייגער, די אפיציר וועקט אויף דזשים, און ער גיבט אים די דעטאלן פונעם פלאן, ביז צעהן מינוט גייט א קאן עדיסען טראק דירווארטן ביים קארנער, גיי צו און פרעג צו זיי פארן צו 664 , אויב די ענטפער איז יא דעמאלטס קענסטו דיך אריין זעצען, און דא האסטו די קאן עדיסאן קליידער וואס די וועסט אנטון און די טראק.

דזשים פארט מיט זיי צום בילדינג און ס'האט זיך אויסגארבעט בעסער ווי געפלאנט.

ווי נאר די לעקטער האט זיך פארלאשן איז דזשים ארויפגעלאפן צו זיין אפיס און זיך געזעצט אויף זיין פלאץ, מיט א לייכטערע געמיט אז די באשעפער שטייט אים צו די רעכטע זייט, און ב"ה זיין פלאן האט זיך אויסגעארבעט.

טשארלי זיצט ביים קאמפיוטער האלב דרימעלדיג, גאנץ א לאנגווייליגע נאכט, דזשים שלאפט א מחי' ער רירט זיך נישט.

ער שלאפט שוין אויף די זעלבע פאזיציע פאר כמעט צוועלף שעה. אבער גארנישט איז אויסערגוועינליך.

קוקענדיג אויפן סקרין זעהט ער ווי די לעקטער האט ווייטער געקראכט...

ער גייט גלייך צו די גאס קעמערע און זעהט טאקע אז א קאן עדיסאן טראק שטיין ביים טיר, ער פראבירט זיך צו האלטען וואך זיכער מאכן אז דזשים ניצט נישט אויס די צייט צו אנטלויפן.

נאך פיפצען מינוט איז די לעקטער געוועהן צוריק און ער זעהט טאקע אז דזשים שלאפט נאך, טאקע זיך געדרוקט אביסעל... געטוישט פאזיציע. אבער דאס איז זייער נארמאל...

אביסעל נאך זיבן אזייגער צופרי צוקלינגט זיך טשארליס טעלעפאן אויף די אנדערע זייט איז זיין איינגעשטעלטער אגענט וואס ארבעט ביים פראנט דעסק פון די פב"א און דעם לאקאל.

ער איז די טאג שיפט ארבעטער, ער פאנגט אן דעם טאג זיבען אזייגער און ענדיגט פינעף נאכמיטאג.

הער אויס טשארלי, איך ווייס נישט צו ס'איז אינטערעסאנט פאר דיר אבער שמועסענדיג מיט די נאכט שיפט ארבייטער פרעגענדיג ווי אזוי די נאכט איז דורך, זאגט ער מיר אז א אומאינדענטעפאצירטע מאן האט אריין געוואקט און געבעטן צו רעדן צום אפיציר, די אפיציר האט אים אריין גענומען אינעווייניג, וואס ער האט דארט געטוהן ווייסט ער נישט אבער די וויזיט האט מען אויסגעמעקט פון די סיסטעם, און די מאן איז נישט צוריק ארויסגעקומען.

טשארלי: וואס מיינט ארויסגעקומען, ער איז נאך דארט?

אגענט: ניין, ער איז ארויס פון די הינטער טיר.

איך ווייס נישט צו ס'איז דיר אינטערעסאנט, אבער די ווייסט דאך אז איך דערצייל יעדע זאך וואס זעהט מיר אויס פישי.

האסט נאך אינפארמאציע?

אגענט: פארוואס? די טראכס'ט עפעס?

טשארלי: איך האב דיר עפעס געפרעגט, איךווארט אויף א תירוץ נישט אויף א קשיא.

אגענט: אקעי, איך האב נישט מער אבער איך קען פראבירן, ווי נאר איך וועל האבן וועל איך צו וויסן טון.

גוט!

טשארלי פאנגט אן חושד צו זיין...

ס'איז נישט אזוי גרינג און פשוט ווי דזשים האט געמיינט אז ס'וועט זיין...

אסאאך קאפ ווי' ווארט אים נאך אפ.

# קאפיטל 4

ווי נאר דער סעקרעטאר האט אראפגעלייגט די טעלעפאן פון טשארלי האט ער זיך געכאפט אז אייגענטליך ער קען דאך קוקן אויף די איי סיסטעם און זעהן וואס ס'איז פארגעגאנגען נעכטען נאכט.

און אפשר גאר אויפכאפן א פנים פון די מענטש וואס האט זיך דא געדרייט.

נאך אלעמען מוז ער דאך צושטעלן אינפארמאציע פאר זיין עכטע בעה"ב טשארלי.

געטראכט און געטוהן, ער לאג'ט אריין און די סורוועליענס סיסטעם און ער מאכט ריווייינד ביז נעכטען אנפאנג נאכט צו זעהן פונקטליך ווען די אומאידענטאפאצירטע מענטש האט אריין געוואקט און פארוואס די אפיציר האט אים אריין גענומען.

ער מישט און מישט און זעהט ווי די טיר עפענט זיך, ער מאכט שטארטער די ווידיא, ער זעהט ווי די מענטש וואקט אריין און ער רעדט צום סעקרעטאר, דערנאך זעצט ער זיך אוועק און נאך אפאר מינוט קומט די אפיציר ארויס, און ער זעהט ווי די מענטש נעמט ארויס עפעס און ווייזט עס פארן אפיציר.

אבער ס'איז געגאנגען צו שנעל און ער האט פארפאסט צו זעהן וואס די מענטש האט געצייגט פארן אפיציר, ער מישט צוריק ער מאכט די ווידיא נאך שטאטער ער בייגט זיך מער צו און אט זעהט ער ווי יענער שלעפט ארויס א בעטש. ער קען ליינען די ווערטער "פארט" אבער נישט די ראנג אדער די נאמען. ער טראכט צו זיך א בייפאל, ער נעמט ארויס זיין סעלפאון און ער כאפט א בילד פונעם סקרין וואס ער זעהט יעצט, ער קלערט צו זיך אז דאס וועט זיין הארטע באווייזן פאר זיין בעה"ב טשארלי. אזוי האלטענדיג די סעלפאון אנטקעגען די סקרין באמערקט ער ניטאמאל אז לואיס די אפיציר שטייט גראד אונטער אים און זעהט אלעס...

מיט א געשריי גיבט אים לואיס א פרעג וואס טוהסטו דא...??

# קאפיטל 5

דזשימ'ס טאג פאנגט זיך אן געהעריג אבער מיט מער א זיכערע געפיל וויסענדיג אז דער אייבערשטער שטייט צו זיין רעכטע זייט און האט אים באגלייט נעכטען און וועט אים ווייטער באגלייטן.

ער שטעלט זיך און א זייט און פאנגט אן צו דאווענען שחרית, ער האט אליין נישט געגלייבט אז ער געדענקט נאך דאס דאווענען, אבער ס'האט זיך געדאווענט מיט אן אויסטערלישן געשמאק, וויסענדיג אז איינער הערט אים אויס יעדעסווארט.

עמער אים לאזן דאווענען אביסעל און זעהן וואס טוהט זיך ביי טשארלי.

טשארלי איז נישט אזוי רואיג, זיין אינסטינקט זאגט אים אז עפעס איז דא פארגעקומען נעכטען נאכט.

ער ווייסט נישט וואס, אבער ער שמעקט אז פב"א ווייסט שוין עפעס אינפארמאציע, ער ווייסט נישט ווער ס'איז געווען ביי זיי.

ער האפט נאך שפעטער צו באקומען א קלארערע באריכט פון זיין אגענט דער סעקרעטאר ביי פב"א, אבער עפעס שפירט ער דארף ער דא דערגיין.

ער קלערט צו זיך אז ער וועט אריבער גיין צו דזשים אים אויספרעגן און זעהן צו דזשים גייט זיך פארלירן.

אויב יא טראכט ער צו זיך איז דאס דזשימ'ס לעצטע טאג און זיין לעבן.!!

טשארלי פארט צו צו דזשימ'ס פלאץ און ער גייט גראד ארויף.

דזשים האט נארוואס געענדיגט דאווענען און זיין סעקרעטאר רופט אים אז איינער ווארט אויף אים און ער וויל אריין קומען.

טשארלי טראכט צו זיך.

איך גיי פרעגן דעם דזשים און פנים צו ער האט איינעם געשיקט צו פב"א, אדער צו ער האט פאר איינעם ארויסגעגעבן די פלענער. אויב איז זיין ענטפער שטימפיג און נישט קלאר

דעמאלטס מיינט דאס אז איך דארף אנטלויפן פון דא וואס שנעלער ווייל ס'קען זיין אז זיי זענען אויף מיינע טריט, אבער דאס אמאל זיכער, איך אנטלויף נאר נאכדעם וואס דזשים איז מיט א קאפ קערצער...

דזשים גיבט א בליק אויפן קעמערע, ער זעהט א פרעמדע מענטש, אבער ער פארשטייט אז דאס איז לכאורה פארבינדען מיט די נייע פלאנטער ווי ער איז אריינגעפאלן, ער בעט א תפילה צום בורא אז אלעס זאל דורך גיין בשלום.

ער זאגט פאר זיין סעקרעטאר אז ער קען אים אריין לאזן.

טשארלי וואקט אריין, ער גיבט די הענט פאר דזשים, זיי זעצען זיך אוועק.

דזשים נעמט דאסווארט און פרעגט : ווער ביסטו?

טשארלי : מרופט מיך טשארלי.

דזשים : טשארלי, וואס האט דיך אהער געברענגט היינט?

טשארלי, -קענטליך אומבאקוועם, ער וואלט געקענט באשטיין אז ער זאל זיין די פרעגער און נישט דער אויסגעפרעגטער- זאגט : מיר האט אהער געברענגט איין זאך, טשארלי שטעלט זיך אויף און קוקט דירעקט אריין און דזשימ'ס אויגן און מיט א באסאווע שטימע פרעגט ער :"האסטו אויסגעפאלגט וואס איך האב פראלאנגט פון דיר אדער ביסט געווען א חכם און די ווילסט יעצט צאלן די פרייז דערפאר".??!!!

דזשים קוקט אים אריין און פנים, און יענע רגע האט זיך טשארלי געפענט זיין רעקל און ארויס גענומען זיין רעוואלווער צוגעלייגט צו דזישמ'ס קאפ און איבער געפרעגט די קשיא.

ביסטו געווען אן אויבער חכם?

דזשים שפירט די קאלטע אייזן אויף זיין גענאק, ער שעפשעט שמע ישראל, ער מאכט צו די אויגן. ער גרייט זיך אויף זיין לעצטע סקונדעס.

ער האט חרטה אויף זיינע נישט גוטע מעשים, טרערן נעמן זיך רינען פון זיינע אויגן.

לאמיר לאזן דזשים מיט טשארלי דארט פאר אפאר מינוט און צוריק גיין צו די הויפקוואטיר פון פב"א און זעהן וואס האט זיך ווייטער אפגעשפילט מיט דער סעקרעטאר און די אפיציר לואיס.

אפיציר לואיס האט גראד געכאפט וואס דא גייט פאר, ער איז געווארן זייער בייז און צובראכען אז ביי אים און אפיס דרייט זיך אן אינפראמאטער.

אבער ס'איז אים בייגעפאלן א פלאן, ער גייט ניצען זיין סעקרעטאר אים צו העלפן דא.

ער גייט אים ניצען און הייסן וואס צו זאגן און וואס נישט צו זאגן.

און אזוי וועט ער קענען מאנעווירן די גאנצע זאך פון אונעוויניג און ארויסבאקומען די ווערטפולע סודות.

לואיס שלעפט ארויס זיין רעוואלווער און הייסט פארן סעקרעטאר אראפלייגן זיין סעלפאון, ארויף לייגן די הענט אויפן קאפ, און זיך אויפשטעלן מיטן פנים צום וואנט.

דער סעקרעטאר האט נישט געהאט קיין צוויי ברירות, ער האט געקענט זיין הער די אפיציר, און זיינס א באפעל פאלגט מען מיט איינמאל בעטן.

לואיס האט אויסגעטאפט זיין סעקרעטאר, דערנאך דורך געפירט א מעטאל דיטעקטאר איבער זיין גוף זיכער מאכענדיג אז ער האט נישט קיין שום אינטעהער אפאראט, נאכן זיכער מאכן אז ער איז ריין האט ער אים געהייסן וואקן פאראויס מיט די הענט אויפן קאפ ביז אריין צו זיין פריוואטע אפיס.

לואיס וואקט און פאר אים וואקט זיין סעקרעטאר, ער קלערט איבער וואס דא האט פאסירט און ווי אזוי ער גייט גיין ווייטער, אינמיטן הערט ער אויף די עיר פיעס און זיין אויער, אפיציר לואיס ביטע גיי צו א פריוואטע טשענעל איך דארף דרונגענד רעדן צו דיר.

לואיס גיבט א מיש צו טשענעל 14 און זעגט אים: גאו אהעד.

אגענט: איינער א פרעמדע באזיכער איז יעצט געקומען באזיכן דזשים, ער זעהט אויס זייער פארדעכטיגט, זאל איך אים אראפהאלטן?

לואיס טראכט צו זיך.

אוי ווי. ס'איז ביטער. דער סעקרעטאר האט זיכער שוין ארויס געגעבן עפעס סודות און יעצט זענען זיי געגאנגען אים באזיכן.

די מצב איז ביטער...

לואיס : ניין, בלייב אויף די טשענעל איך וועל זיין צוריק און א מינוט.

לואיס געט כעס'געגרהייט א שטופ אריין זיין סעקרעטאר און זיין אפיס און הייסט אים זיצען.

לואיס : ווער איז די מענטש צו וועם די האסט געוואלט שיקן די אינפארמאציע?

סעקרעטאר : הער אפיציר איך בין גרייט צו קאפערירן מיט דיר אבער זאג מיר צו אז די גייסט מיך נישט קלאגן פארן פאלעצן די געזעץ.

לואיס : וואס איך גיי טוהן ווייס איך נאך נישט, אבער יעצט דארף איך אן ענטפער אויף מיין קשיא.

סעקרעטאר : איך דארף מיין לויער, אן דעם רעד איך נישט ווייטער!

אגענט : אפיציר לואיס, די מצב און שטיב ווערט זייער אנגעצויגן די האסט פארלאנגט פון אונז צו ראטעווען דזשים ווען ער איז און פעקל, די אויטערעזיר'סט אונז אריין צו גיין ראטעווען דזשים פאר ס'איז צו שפעט?

לואיס : ניין גיי נישט און ערגעץ ווי לאנג איך גיב רשות.

אגענט : הער אפיציר, איך האף אז איר פארשטייט אז אריין צוגיין שטורעמען די אפיס נעמט אויך דרייסיג פינעף און דרייסיג סקונדעס, ווי ס'זעהט יעצט אויס איז דא נאך א מינוט און נאכדעם וועט שוין נישט זיין וועם צו ראטעווען.

לואיס : איך ווייס פונקטליך מיט וואס איך האנדעל דא, גיב מיר נאך צוויי סקונדעס ביז די נעקסטע באפעל.

לואיס: סעקרעטאר, לאמיר דיר זאגן איין זאך, אויב נעמסטו דיך יעצט נישט רעדן גיי איך זיכער מאכן אז דיין שטראף וועט זיין "טויט שטראף", אלזא, אויב ווייסטו וואס איז גוט פאר דיר "רעד".

סעקרעטאר: אן מיין לויער רעד איך נישט ווייטער קיין ווארט, און איך פארלאנד פון דיר מיך צו לאזן מאכן די פאון קאלל צו מיין לויער...

אגענט: לואיס, ס'איז נישט גוט, דא גייט זיך ענדיגן פאטאל. דער יונגאטש האט זיך אויפגעשטעלט און איך ציטער אז נעקסט קומט א קויל, ביטע גיב מיר רשות אריין צושטארעמען פאר ס'איז נישט צו שפעט, אויב ס'איז נאך נישט...

די ווילסט נישט וויסן וואס ער האט יעצט געפרעגט פון דזשים.

לואיס, איך זאג דיר אז ס'איז פארטיג...

לואיס: סעקרעטאר, דאס איז דיין לעצטע טשאנס, אדער רעדסטו אדער טויט שטראף!!!!! האט זיין שטימע געדינערט...

סעקרעטאר: אן מיין לויער איז ווי די רעדסט צו די וואנט!

אגענט: לואיס די גאן ליגט ביי דזשימ'ס קאפ, און די נעקסטע סקונדע קענען מיר נאך ראטעווען, געגאנגען?

# קאפיטל 6

לואיס: אקעי סעקרעטראר איך געב דיר נאך וואס די פארלאנגסט און איך גיי דיר נישט קלאגן אבער ביטע זאג מיר וואס די האסט אים שוין געזאגט.

סעקרעטאר: איך האב אים נאר געזאגט אז איינער איז דא געווען און איך האף אים צו ברענגען מער אינפארמאציע באלד.

לואיס: אקעי דעמאלטס זיי אזוי גוט מאך יעצט א פאון קאלל צו אים און זאג אים אז דער וואס איז דא געווען איז א פאליס אפיסער וואס האט געוואלט עפעס מעלדן פארן הויפט אפיציר אבער גארנישט עפעס אויסערגעוועונליך.

אבער טוה עס יעצט!

סעקרעטאר: אקעי, גיב מיר צוריק מיין פאון.

לואיס: דא האסטו.

טשארליס טעלעפאון גיבט זיך א צוקלינגט, ער גיט א בליק אויפן איידי און זעהט אז דאס איז דער סעקרעטאר.

מיט די לינקע האנט הייבט ער אויף די פאון, נאך האלטענדיג זיין רעכטע האנט אויפן גאן ביי דזשימ'ס קאפ.

טשארלי: העלאו, וואס הערט זיך האסט עפעס נייעס פאר מיר?

סעקרעטאר: יא, איך האב דיר נאר געוואלט זאגן אז די גאנצע זאך וואס איך האב געמיינט איז געוועהן שטותים, ס'איז געוועהן א פשוטע פאליציי אפיציר וואס האט נישט געפאסט צו געבן זיין נאמען ביים דעסק, אבער אלעס זעהט אויס נארמאל, איך האב אפילו איבער געקוקט די קעמערעס און באמערקט זיין בעטש, נישטא וואס צו זיין פארדעכטיגט.

טשארלי: אקעי טענקס.

אגענט: הער אפיציר, ער האט יעצט ארויסגענומען זיין טעלעפאון ער רעדט צו איינעם.

ער האט יעצט אוועק גענומען די גאן פון דזשימ'ס קאפ, זאגענדיג די ווערטער אקעי טענקס.

לואיס: אקעי, לאז מיך וויסן ווען ער פארלאזט די אפיס.

אגענט: ער האט יעצט געזאגט פאר דזשים ווי פאלגאנט:.

הא הא הא. דזשים, איך האב נאר געוואלט זעהן ווי אזוי די גייסט ראגירן צו דעם, דאס איז נאר געווען א טעסט צו זעהן אויב די פארשטייסט מיט וואס די שפילסט דיך.

יעצט זיי זיכער אז די פאלגסט און די גייסט ווייטער און שפאן.

אונז וועל מער זיך מארגען אראפ זעצען אויף די ווייטערע פלענער.

די שיף דארף אנקומען ביז צוויי טעג און מיר האבן נאך אסאך דעטאלן איבער צוגיין.

לואיס: גוט, נאך עפעס?

אגענט: ניין ער וואקט יעצט ארויס פון אפיס.

לואיס: זייער פיין, בלייב אויף דיין פאזיציע.

לואיס: סעקרעטאר, איך וויל פארשטיין איין זאך וואס האט דיך געשטופט צו זיין א פארעטער פאר דיין לאנד? פארוואס ביסטו געווען גרייט מיט צו ארבעטען מיט טערעריסטען? איז דאס נישט קיין שעם פאר דיר?

סעקרעטאר מוט א קול געשטיקט פון געוויין: וואס זאל איך דיר זאגן הער אפיציר, איך האב מיך באַ'נער'ישט, איך בין געווען גערדריקט און געלט און איך האב באקומען א אפפער און איך האב עס אנגענומען, אן אריין קלערן וואס דאס מיינט.

איך בעט דיר פארגעב מיר, איך זאג דיר צו אז איך וועל ארבעטן פאר דיר מיט וואס די בעטס'ט, נאר איין זאך פארווארף מיך נישט און תפיסה.

.

לואיס: גיב מיר דיין שבועה אז די גייסט בלייבן געטריי און ארבעטן וואס איך וועל פארלאנגען פון דיר, אויב יא דעמאלטס פארמאך איך די קעיס, אבער זאלסט וויסן אז איך גיי דיר נאכקוקן פאר א שטיק צייט, און אויב איך זעה סיי וואסערע מינדעסטע זאך. ווייסטו וואס דיין סוף איז.

סעקרעטאר: איך שווער!

לואיס: יעצט לאמיר הערן, ווער איז די מענטש און וואס איז זיין ציהל? וואסערע אינפאמאציע האסטו אים שוין געגעבן?

סעקרעטאר: די מענטש הייסט טשארלי, זיין ציהל האט ער נישט ארויס געגעבן, ער האט נאר פארלאנגט פון מיר צו ריפארטען פאר אים יעדע מינדעסטע אינצידענט וואס קען האבן א שייכות מיט אים, די ערשטע אינפארמאציע וואס איך האב אים געגעבן איז געוועהן היינט אינדערפרי, און דאס איז געווען דאס לעצטע!

ניין גיט לואיס א שריי, די גייסט אים ווייטער געבן אינפארמאציע, נאר פון יעצט און ווייטער וועל 'איך' דיר זאגן וואס צו זאגן!

דזשים איז נאך פארפרוירען פון וואס ער האט יעצט מיטגעמאכט, ער שפירט די ריכטיגע אפטייטש פון געזעהן דאס טויט פאר די אויגן. ער גלייבט זיך נאכנישט וואס דא איז פארגעגאנגען, ער איז געווען זיכער אז ביז געציילטע סקונדען איז ער מער נישטא, און דא פליצלינג האט דער טעראריסט טשארלי פשוט אראפ געלייגט דאס געווער און אים געזאגט אז דאס איז גאר געווען א וויץ.??

ער שפירט קלאר אז דאס איז די יד השם וואס באגלייט אים, און דאס שטארקט אים נאר אז ער זאל זיך פארנעמען נאך קבלות טובות און זיך נענטער ברענגען צום באשעפער.

אזוי זיצענדיג פארטראכט קלינגט זיין טעלעפאון, ער הייבט אויף און זיין ווייב איז אויף די אנדערע ליין, זי וויל וויסן ווי זוי זיין נאכט איז דורך און אזוי שמיסענדיג פרעג זי אים צו ער האט באשטעלט די טעלעפאון קאמפענע היינט אינדערפרי, ווייל זיי זענען דא געווען מיט

דריי טראקס און האבן געזאגט אז זיי זענען דא ווי באשטעלט און זיי שטייען נאך אלס אינדערויסן איבער די שטאנג פון די ווייערס.

דזשים כאפט גראד אז דאס זענען די נישט גוטע, ער זאגט פאר זיין ווייב אז ער קומט אהיים ביז אפאר מינוט און ער וויל רעדן צו איהר.

עפעס גייט פאר פרעגט זי, אונז עמער שוין רעדן אינדערהיים זאגט ער.

ווי נאר דזשים לייגט אראפ די פאון פון זיין ווייב צוקלינגט זיך זיין טעלעפון און ער זעהט אז ער האט באקומען א טעקסט מעסעדזש פון אן אומבאקאנטע נאמבער די מעסעדזש לייגט זיך אזוי, -גיי נישט אהיים ווי לאנג איך גיב דיר נישט קיין אקעי, דיין הויז איז באלאגערט און די קענסט נישט דארט רעדן, איך וועל דיר לאזן וויסן ווען די קענסט גיין- לואיס די אפיציר.

דזשים לייגט צוריק זיין טעלעפאון און טאש און צושמייכעלט זיך פון די בייפאל פונעם פב"א אפיציר, ער האט געוויסט אז די טעלעפאון'ס זענען אינטערגהערט האט ער געניצט טעקסט אנשטאט.

טשארלי קומט צוריק אן און אפיס און באגעגענט דארט זיין ארבעטער מייק.

מייק צולאכט זיך און זאגט אים אז ער האט מיטגעהאלטן די גאנצע מעשה דא אויפן קאמפיוטער ווי אזוי ער דערשרעקט דזשים, איך זאג דיר ס'איז געווען סופער זאגט אים מייק.

יא הא? ער האט געציטערט הא? ער וועט זיך נישט דערוואגען צו זיין א אויבער חכם און גיין דערציילן הא?

אה נא. דאס איז געווען א גוטע לעסאן פאר אים.

די חברה האבן שוין געפיקסט די קעמערע ביי דזשים אינדערהיים פרעגט טשארלי? זיי זענען נאך דארט, ס'וועט נאך נעמען אפאר שעה זיי זאגן אז די גאנצע סיסטעם איז געגאנגען קראכן, אבער זיי ארבעטן.

איין פראבלעם האב איך נאר, דזשים האט יעצט געזאגט פאר זיין ווייב אז ער קומט אהיים, איך בין נייגעריג וואס ער וויל.

טרר. די טעלעפאון גיט זיך א צוקלינג, טשארלי הייבט אויף, יא סעקרעטאר וואס זאגסטו?

וואס.

וואס הייסט?

אקעי א דאנק, ביי!

מייק, רוף אריין די חברה דארט ביי דזשימ'ס הויז און זאג זיי אז זיי זאלן שוין אוועק פארן פון דארט די פאליציי גייט דארט זיין ביז פיר מינוט.

וואס הייסט פרעגט מייק?

איך האב יעצט באקומען א קאלל פון מיין אינפארמעטער ביי די פב"א, אז זיי האבן יעצט געקריגן א קאלל פון די לאקאלע פאליציי סטאנציע זיי ווילן וויסן צו די פב"א פירט דורך עפעס א אקציע ביי 157 וואל סט. ווייל איינער האט אריין געקאלט קאמפלעגען אז אומגערופענע מענטשען דרייען זיך דארט און זיי זאגן אז מ'האט זיי באשטעלט, די הויז איינגעטומער האט זיי נישט באשטעלט און ער פארדעכטיגט עפעס, אבער די פב"א האט געזאגט אז זיי האבן גארנישט אויף דעם הויז, און די פאליציי פארט יעצט אהין עס אויסצושמעקן.

מייק זאג זיי אז זיי זאלן שוין אפפארן פון דארט און צוריק קומען שפעטער ווען איך וועל זיי הייסן.

אקעי, איך האב זיי גערופן און זיי זאגן אז ביז א מינוט זענען זיי נישט דארט מער.

לואיס גיבט א קלאפ און ריקן פאר זיין סעקרעטאר, גוטע דזשאב געמאכט.

איך האב יעמט באקומען א קאלל פון מיין אגענט וואס זיצט דארט און א קאר ביי די קארנער אז די חברה האבן און איילעניש פאלאזט דאס פלאץ.

דזשים זעהט א נייע מעסעדזש אויף זיין טעלעפאון, אקעי די קענסט אהיים גיין די פלאץ איז פריי, גיב אבאכט רעד נישט צו סאך, לואיס די אפיציר.

דזשים קומט אן אהיים, און זאגט פאר זיין ווייב אז ער וויל גיין מיט איר אויף א שפאציר, ער וואקט ארויס פון הויז און א קאר געט זיך א שטעל אפ און פראנט פון זיי, צוויי מענטשען גיבן א שפרינג ארויס כאפן אן דזשים און זיין ווייב, זיי שלעפןביידן אריין און די קאר, און די קאר טראגט אפ פון דארט מיט א קוויטש...

ווער זענט עטס? געט דזשים א געשריי.

דזשים איז שוין געוועהן גרייט צו דריקן די אלערט קנעפל וואס די פב"א האט אים געגעבן צו ניצען און צייט פון נויט, אבער נאך פאר ער האט געהאט די געלעגנהייט האט שוין די דרייווער ארויס געשלעפט זיין בעדזש און געוויזן אז ער ארבעט פאר די פב"א און ער איז געשיקט געווארן דורך זיין אפיציר לואיס.

דזשים האט נישט געוואלט גלייבן אז דאס איז פון לואיס'ס חברה, האט ער ארויסגענומען זיין סעלפאון און אויפגעמישט די מעסעדזש וואס לואיס האט אים געשיקט און אזוי האט ער געדריקט דייל.

לואיס, ביסט אינגאנצען משיגע געווארן וואס האסטו דא געטוהן?

זארג דיך נישט זאגט אים לואיס, איך וויל אז דיין ווייב זאל זיין און פארזיכערטע פלאץ ווי לאנג די אקציע איז נישט דורך, איך ווייס קיינמאל נישט וואס פאר די טעראריסטן קען בייפאלן און איך דארף נעמען יעדע מינדעסטע שריט דיך און דיין ווייב צו היטן.

זארג דיך נישט, וועסט אהער קומען דא און אונז וועל מער און קורצען מסביר זיין דיין ווייב וואס דא גייט פאר.

און ווי לאנג די זאך איז נישט געשלאסן גייט דיין ווייב זיין אינטער מיין אויפזיכט.

אקעי לואיס, עמער זיך זעהן.

אקעי איך ווארט אויף דיר דזשים.

ווי נאר דזשים איז אנגעקומען צו לואיס האט מען אים צוטיילט פון זיין ווייב, זיין ווייב האט מען אריין געטראגן און אן אנדערע צימער וואס דארט איז געזעצן אן אגענט און איר מסביר געווען די מצב וואס דא גייט פאר.

דזשים אבער האט מען תיכף צוריק געשיקט צו זיין ארבעטס פלאץ.

לואיס האט אים מסביר געווען אז נאך היינט דארף זיך אנפאנגען די מיטינגען צווישן אים און טשארלי, און מ'דארף זיין גרייט צו הערן און אויפכאפן אלע דעטאלן ווייל יעצט קומט די ריכטיגע חלקים פון די אקציע...

מייק געט טשארלי א שריי, וואס טוט זיך דארט ביי די הויז פון 157 איז די עריע שוין קלער? מקען צוריק גיין צו די ארבעט?

איך האב יעצט גערעדט צו מיין אגענט וואס דרייט זיך דארט און ער זאגט אז די פאליציי איז אנגעקומען און זיי האבן נישט געטראפן די פרוי וואס האט קאמפלעינט און ווי אויך האבן נישט געזעהן קיין שום פארדעכטיגן דארט האבן זיי פארלאזט דאס פלאץ.

דאס מיינט אז מקען צוריק גיין צו די ארבעט.

וואס הייסט אז די פרוי איז נישט דארט געווען ווי איז דזשים'ס ווייב געגאנגען, פרעגט טשארלי?

האט נישט דזשים געזאגט אז ער קומט אהיים צו איר?

איך ווייס נישט, די קעמערע און יענע הויז ארבעט נישט סא איך קען נישט זעהן ווי זי איז געגאנגען, אבער ווי נאר מיינע חברה וועלן זיין פארטיג מיטן פיקסען די קעמערע האפ איך אז איך וועל איר קענען טרעקן פון היינט און ווייטער געהעריג.

נו גוט, זאגט טשארלי, זאג פאר די חברה אז זיי קענען צוריק גיין צו די ארבעט.

אבער דאס איז זייער אינטערעסאנט און וואלט געוואלט דערגיין ווי זיין ווייב איז אהינגעקומען אזוי פליצלינג נישט ווארטענדיג אויף זיין אהיימקום זאגט טשארלי פאר מייק.

# קאפיטל 7

ס'א חילוק זיי נישט אזוי נייגעריג זאגט מייק פאר טשארלי, זי איז געגאנגען און גראסערי, וואס א חילוק, און בד"ו יעצט איז בעסער אז זי איז נישט דארט ווייל אזוי וועט זי נישט נאכאמאל רופן די פאליציי, איך גיי צושאקלן מיינע חברה אזוי אז ווען זי קומט צוריק אהיים זאלן זיי שוין נישט דארט זיין.

גוט זאגט טשארלי.

א גרויסע געגעץ צוהט זיך אויס אויף זיין געזיכט. נישט געהעריג געשלאפן ביינאכט.

אבער ווער האט יעצט צייט צו שלאפן? ס'קומט אפאר לעבעדיגע נעכט. מדארף זיין גרייט.

אזוי טראכטענדיג צוקלינגט זיך דזשים'ס טעלעפאון, טשארלי זעהט גראד אויפן סקרין אז דזשים'ס טעלעפאון קלינגט, ער כאפט זיין העד סעט צו קענען הערן ווער ס'קאלט, דזשים איז נישט און אפיס אויפצוהייבן און די ענסערינג מאשין הייבט אויף.

און אט הערט טשארלי ווי אזוי דזשימ'ס ווייב לאזט אריין א שארפע מעסעדזש :.

דזשים, די מיינסט די קענסט באהאלטן פון מיר, די מיינסט אז איך ווייס נישט אז די געמבעלסט און די פארניצט דיין געלט יעדע נאכט. ווי לאנג מיינסטו וועסטו מיך קענען איין רעדן אז די ביסט ביזי און וועגן דעם שלאפסטו און דזשאב הא?

הער אויס דזשים, פאר א וואך צייט זיך מיך נישט, איך בין אנטלאפן און איך גיי נישט זיין צום געפינען, זוך מיך אפילו נישט, נאך א וואך עמער זעהן ווייטער ביי!!! א קנאק אראפ די טעלעפאון!

טשארלי האט זיך צושמייכעלט.

מייק זאג פאר דיינע חברה אז זיי האבן זיך נישט ווי צו יאגן, דזשים'ס ווייב וועט נישט זיין אינדערהיים פאר א וואך, חא חא חא חא...

.

אקעי מייק, גיימער אריבער צו דזשים מאכן די פלענער?

יא ביז דריי מינוט בין איך גרייט.

גוט.

ביידע זעצן זיך אריין און די קאר און פארן צו צו דזשימ'ס אפיס.

אנקומענדיג בעטן זיי די סעקרעטערי צו זיי קענען רעדן צו דזשים, אבער די סעקראטערי זאגט אז דזשים איז נישטא ער איז ארויס פון אפיס אפאר מינוט צוריק און ער וועט באלד צוריק זיין.

אקעי געט זיך מייק א רוף אן, דעמאלטס וויל איך רעדן צו דיר, הער אויס מיר דארפן פון דיר א טובה.

יעדעס מאל וואס דיין בעה"ב קומט אדער פארלאזט די אפיס שיק א טעקסט צו די נאמבער און מיר וועלן דיר שיין באצאלן פאר דעם.

וואס הייסט, דו ווילסט אז איך זאל שפיאנירן אויף מיין בעה"ב? איך קען עס נישט טוהן.

פאר טשארלי איז נישטא קיין ניין געט זיך טשארלי א צישריי, טשארלי עפענט זיין רעקל און צייגט אים אויף די זילבענע גאן וואס ליגט אנגעהאנגען אויף זיין פאסיק, יעצט פארשטייסטו אז איך מיין ביזנעס?

יא זאגט דער סעקרעטאר אינגאנצען דערשראקן, איך וועל טוהן וואס די פארלאנגסט.

די טיר עפענט זיך דזשים געט א וואק אריין, ער האט נאך עספיעט צו הערן די לעצטע פאר ווערטער וואס זיין סעקרעטאר האט געזאגט.

וואס גייט דא פאר פרעגט דזשים?

גארנישט, אינדערצייט וואס מיר האבן נאר געווארט אויף דיר האבן מיר געכאפט א שמועס מיט דיין סעקרעטאר, ער זעהט אויס ווי א פיינע ארבעטער.

וואס ווארט עטס אויף מיר?

מיר דארפן האבן א מיטינג מיט דיר.

היינט? פרעגט דזשים, איך האב געמיינט אז איך האב נאך א טאג צוויי.

לאמיר אריינגיין אינעווייניג דארט וועלן מיר אלעס רעדן.

אגענט: אפיציר, ביסט מיט מיר?

גאו אהעד, איך הער דיך.

אגענט: די צוויי זענען יעצט ביי דזשים, אויפן וועג אריין האבן זיי זיך עפעס צוהארגעט מיט זיין סעקרעטארי, איך ווייס נישט פון וואס זיי האבן גערעדט אבער אזויפיל האב איך געזעהן אז טשארלי האט געדארפט ווייזן זיין גאן, דערנאך האט ער געוויזן אויף זיין טעלעפאון...

לואיס: ס'איז געווען א לאנגע שמועס אדער ווי א פארלאנג?

אגענט: קורצע זאכן.

לואיס: נישט געפערליך, אויב וועט זיין נייטיג וועל איך שיקן היינט ביינאכט אן אגענט צו אים אינדערהיים אים אויספרעגן, די עיקר איז האלט אן אויג וואס טוהט זיך און די רום.

אגענט: קאפי.

דזשים זיי אזוי גוט און פארגעב אונז פאר איין רגע, איך וויל ארויס גיין עפעס איבער שמיסען מיט מיין קאלעגע איך קום צוריק ביז א מינוט.

טשארלי און מייק גייען אריין און א זייטיגע שטוב, טשארלי מורמעלט אריין פאר מייק און די אויער עפעס, מייק שלעפט ארויס א פאפיר שרייבט דארט אפ אפאר ווערטער און ביידע גייען צוריק אריין צו דזשים און אפיס.

דזשים, דו האסט א ווייס מעיל צו הערן געט זיך טשארלי א צושמייכעל, דזשים קוקט אויף זיין טעלעפאון און זעהט יא, ער האט א נייע ווייס מעיל.

ער הערט עס אויס, א געמאכטע גרימצארן געט ער א צוה ארויף אויף זיין געזיכט.

טשארלי מיט זיין סאדיסטישן שמייכעל שלעפט ארויס די צעטל פון זיין טאש געט עס איבער פאר דזשים, און לייגט צו אז ס'איז גוט ער זאל דאס ליינען פאר מ'גייט ווייטער.

דזשים ליינט דאס צעטל...

זיין פנים פאלט איין...

זיין הענט נעמט זיך ווארפן...

זיין ליפן נעמט זיך ציטערן...

ער לייגט זיין הענט ביי זיין הארץ און בעט וואסער...

אגענט : אפיציר קאוד 100!!!

עפעס גייט דארט פאר...

# קאפיטל 8

און א פארשטיפטע ווערהויז און ברוקלין גראד אראפ פונעם BQE אויף קענט עווע. נעבן געטי געז סטאנציע, זיצט ראמאן א פאקיסטאנער אימעגראנט און פראבירט צו פארשטיין אויף די בלו פרינט וואס זיין בעה"ב טשארלי האט אים געגעבן, אויסצוארבעטן די בעסטע וועג אז זיין בעה"ב זאל זיין די מערסטע צופרידן.

זיין בעה"ב האט ארויף געלייגט אויף אים זייער א שווערע אויפגאבע, ער דארף פארוואנדלען די ווערהויז צו א סאפסקירטע אפיס און אויך דארף ער מאכן פלאץ פאר א קאנטעינאר.

אויסערליך טאר זיך גארנישט אנזעהן די אנשטעל דארף זיין אז דא פארקויפט מען ווייטער טיילס אבער און די בעק פירט מען אן די ווערטשאפט.

אסאך זאכן האט ער שוין ארלעדיגט ווי למשל נעכטען האט מען אינסטאלירט די פארעדיגע וואנט, אינדערויסן אויף די וואנט זעהט מען גארנישט אבער ווי נאר מ'דריקיט די רימאט פארט די וואנט ארויף און ס'עפענט זיך א שיינע הערליכע רום, א אפיס, און ווי אויך א ליידיגע שטח פלאץ פאר א קאנטעינאר, די אפיס איז אויסשטאפירט מיט א קאמפיוטער און מיט די שנעלסטע אינטערנעט (5G נעטווארק) וואס איז נאר שייך.

ווי אויך האט ער נעכטען א גאנצען טאג זיך געפלאגט און פראבירט זיך צו צו לערנען לשון הקודש.

טשארלי האט אים נישט געוואלט זאגן די ציהל אבער אזוי פיל האט ער אים געהייסן אז ער זאל זיך לערנען ווי אזוי זיך צו פארשטעלן ווי א ספרדי'שע איד און זיך אויסלערנען די אידישע לעבנס גאנג.

ראמאן איז זיך גאנץ געפאלען מיט זיין נייע טראגע און לבוש.

ער האט נאך איין טאג ביז ווען די קאנטעינאר גייט אנקומען און דערנאך האט ער נאך אפאר טעג ביז ווען מ'גייט גיין ווייטער, דאס אלעס האט אים טשארלי פארטרויט.

טשארלי האט אים געזאגט אז היינט ביינאכט האפט ער דא צו זיין און אויסטשעקן צו ער האט געמאכט א גוטן ארבעט, ער האפט אז זיין בעה"ב וועט זיין פרייליך.

דזשים ליינט איבער די צעטיל איין מאל און נאך אמאל מיט אויפגעריסטע אויגן.

די צעטיל ליינט זיך ווי פאלגאנד:.

דזשים, דא שרייבט צו דיר דיין ווייב, איך בין דא פארכאפט ביי מענטשען וואס איך ווייס נישט וואס זייער ציהל איז, אבער דאס איז זיכער אז זיי זענען סאדיסטישע רוצחים, זיי סטראשענען מיך מיטן ערגסטען, איין זאך וואס קען מיך ראטעווען איז אויב די גייסט און שפאן מיט זיי, דאס איז מיין איינציגסטע וועג ארויס פון דא לעבעדיג, איך האף די פארשטייסט אז די מעסעדזש וואס איך האב דיר אריין געלאזט איז געווען אויף זייער אנווייזענונג.

איך בעט דיר, פאלג זיי, אויב דארפסטו מיך לעבעדיג און נישט צושניטען אויף שטיקער...

דיין ווייב וואס וויינט...

פארוואס טוהסטו דאס צו מיר פרעגט דזשים צובראכענערהייט, האב איך דיר נישט געפאלגט ביז אהער אלעס וואס די האסט פארלאנגט?

די האסט יא געפאלגט, אבער די ווייסט דאך אז איך באגענוג מיך נישט מיט פשוט'ע צוגעזאגעכץ איך האב ליב משכונות, אזוי בין איך מער פארזיכערט.

אבער טשארלי, בעט זיך דזשים, לאז כאטש מיך רעדן צו איהר און איר צוזאגן אז איך וועל טוהן אלעס איר צו ראטעווען. און הארץ האט דזשים געלאכט פון זיי ער האט געוויסט אז זיי זענען פאלנע ליגנערס אבער ער האט געטראכט אז ס'קען נישט שאטן צו שפילן תמימות'דיג, פון די אנדערע זייט האט ער זיך זייער געפרייט וואס לואיס האט אים געטוהן, און יעצט האט ער הערשט געכאפט אז לכאורה האט לואיס ערלעדיגט אז די איי סיסטעם ביי אים אינדער היים זאל קראכן אזוי אז זיי זאלן קענען נעמען זיין ווייב ווי לאנג מ'קען נאך...

טשארלי איז גאכאפט געווארן און א שטיקל סורפרייז, נאכאלעם איז דאך דזשים גערעכט דא, ער טוהט אלעס און פארוואס זאל ער נישט קענען רעדן צו זיין ווייב?

אבער די פראבלעם איז אז ער האט נישט ווי אזוי אים צו קאנעקטען צו זיין ווייב ווייל ער ווייסט נשיט ווי זי איז.

טשררלי: ווייסט וואס, איך וועל עס דורך טראכטען און איך וועל זעהן.

די רעדע איז סיווי נאר נאך פאר צוויי טעג, נעכדעם בין איך במילא פארטיג מיט דיר, אונזער ביזנעס וועט במילא שוין זיין פאריבער.

נו הכלל צום ענין.

אגענט: אפיציר, די זאך האט זיך פארבעסערט זיי רעדן שוין ווייטער געהעריג, אבער געדענק צו פרעגן דזשים וואס די צעטיל וואס האט אים אזוי דערשראקן איז געווען.

לואיס: איך הער דיך, בלייב האלטן א אויג.

דזשים: טשארלי, קודם כל, ווען דארף די שיף אנקומען?

טשארלי: מארגען נאכט.

דזשים: וואס ליגט און די שיף?

טשארלי: די ווייסט אז די האסט נישט וואס צו פרעגן אזא קשיא, אויף דעם גיי איך דיר קיין תירוץ נישט געבן, און איך וויל נישט הערן די קשיא נאכאמאל!

דזשים: איך פרעג פשוט פאר איין סיבה, ס'איז דא דריי האפנס ווי מ'קען זיך אראפלאדענען, איינס איז עסן, דארט גייען אלע שיפן וואס ברענגען אריין עסן, דאס צווייטע איז קליידונג, די דריטע איז שפילצייגן, יעצט מייו שאלה איז וועלכע פון די דריי וויסלטו פאר דיר?

טשארלי: אלע דריי זאלן זיין גרייט צו מיין באניץ.

דזשים: דאס איז א זאך וואס איז אוממעגליך, איך קען נישט האבן די גאנצע ווערטשאפט אפגעשטעלט.

טשארלי : איך מיין אז דיין און דיין ווייבס לעבן איז דיר מער וויכטיג ווי די ווערטשאפט. פארשטאנען?

דזשים : אקעי אקעי. איך זוך דיר נישט אויפצורעגן, איך פראביר נאר צו טראכטן פון די בעסטע וועג אז קיינער זאל נישט באמערקן, איך זוך אז ס'זאל זיין בעסער פאר ביידן.

מיין פראבלעם איז אז ביי יעדע פארט איז דא א פעלד מענעדזשער וואס ער איז און טשארדזש אויף אלע ארבעטארערס, יעצט ווען די זאגסט מיר א זייגער און וואס ס'ליגט און די שיף קען איך עס דורך גליטשן אן קיין פיפס, איך מאך זיכער אז די מענעדזשער איז נישט דארט און די צייט און איך וועל אים איבער נעמען און אזוי סיין איך די פעיפער וארק און די גייסט מיט דיין סחורה און פארטיג, אבער אויב זאגסטו נישט מער ווייס איך נישט ווי מיך אן עצה צו געבן.

טשארלי : מייק קום ארויס פאר א מינוט איך וויל רעדן צו דיר.

טשארלי : מייק, אפשר טאקע, אפשר זאל איך אים יא זאגן ווי די שיף זאל גיין? וואס איז דא מורא צו האבן? צו די פב"א גייט ער נישט גיין, ער ווייסט אז זיין לעבן און די לעבן פון זיין ווייב זענען פארטיג די מינוט וואס ער טרעט איבער די שוועל דארט.

מייק : איך וואלט אים נישט געזאגט פונקטליך וועלכע שיף דאס איז, איך וואלט אים נאר געזאגט אז ס'דארף אנקומען דריי שיפן און איינע פון די דריי ליגן די סחורה, אזוי אז אויב ער טרעפט עפעס א וועג איינצומעלדן פאר איינעם נאך די גאנצע זאך, זאל אויך זיין זייער שווער צו טרעקן דריי שיפן.

טשארלי : מייק איך ווייס נישט צו די ווייסט אבער ביי מיר איז דזשים א פארטיגער, נאך די גאנצע מעשה, ווי נאר די קאנטעינאר ליגט אונמיינע הענט גיי איך דערהאגענען דזשים, ער ווייסט צו סאך, איך קען מיך נישט ערלויבן ער זאל זיך דרייען אויף די פריי.

מייק : איך פארשטיי אבער דאך מאך עס מיט דריי שיפן.

טשארלי : פיין.

ביידע גייען צוריק אריין און אפיס, טשארלי זאגט פאר דזשים אז ער פארשטייט אים און ס'איז געבליבן אז זיי גייען אריין קומען 7 אזייגער ביינאכט ביי די צווייטע האפן, און ער זאל

זיכער מאכן אז קיינער איז נישט דארט, ס'גייט אנקומען א פלאטע דריי שיפן און אלע דריי שיפן זאלן דורך געלאזט ווערן.

אקעי, געשלאסן, אונז וועל זיך מארגען טרעפן ביים פארט אים זעקס אזייגער איבער צו שמיסען די לעצטע דעטאלן.

ביידע הייבן זיך אויף און וואקן ארויס.

ווען זיי זענען שוין געווען ביי די טיר האט דזשים דערמאנט טשארלי אז ער זאל נישט פארגעסן פון זיין פריערדיגע צוגעזאגעכץ וועגן זיין ווייב.

טשארלי האט ארויסגעוואקט אן קיין פיפס.

אגענט : אפיציר, די מיטינג האט זיך געשלאסן, זיי האבן יעצט פארלאזט די אפיס, אלעס איז דורך רואיג? יא.

וואס די אגענט האט נישט געוויסט איז אז זיין אפיציר האלט אלעס מיט און הערט אלעס דורך די קליינע מאשינקע וואס איז צוגעטשעפעט צו דזשים'ס שניפסעל.

יעצט דארף לואיס קלערן פון א וועג ווי אזוי ארויף צו קומען אויף די שפירן פונעם שיף נאך פאר עס קומט אן, און האלטן אן אויג אויף די קאנטעינארס און זעהן ווי זיי גייען און וואס די אינהאלט איז, די דזשאב וועט זיין א שווערע, דריי שיפן נאכצופאלגן איז נישט קיין לייכטע זאך.

אבער ס'איז אים בייגעפאלן א פלאן, טאקע זייער א געוואגטע אבער דאס איז די איינציגסטע אפציע יעצט.

ער זעצט זיך צו צום קאמפיוטער און ער זעהט טאקע אז אויף זיבענע איז ג'סקעדזשעלד אפאר שיפן, 5 שיפן האבן אים געכאפט די אויג, ווייל זיי קומען פון קאמעניסטישע לענדער וואס דאס שטעלט זיך די מערסטע אויפן שכל אז זיי זאלן זיין די וואס מ'זוכט.

לואיס רופט אן עמערדזשענסי מיטינג מיט זיינע פינעף בעסטע מענטשען.

ער פארטרויעט זיי די אקציע, אלע פון זיי שאקלן צו מיטן קאפ, און אויסגעדריקט גרייטקייט.

א קליין שיפל מיט זעקס מענטשען דעראויף לאזט זיך ארויס...

אלע פון זיי זענען אויסשטאפירט מיט די נייעסטע און בעסטע כלים און שפאקטיוון, ווי אויך עסן פאר צוויי טאג און נאך אפאר קליינעקייטן וואס זיי גייען דארפן האבן פאר די אקציע.

דזשים קען שוין מער נישט ארבעטן, ער טוט זיך אהן און גרייט זיך אהיימצוגיין.

ער זאגט פאר זיין סעקרעטאר אז ער שפירט זיך נישט גוט, זיין סעקרעטאר פארשטייט נעבעך זייער גוט, ער ווייסט דאך שוין מיט וועם זיין בעה"ב ארבעט לעצטענס.

ווי נאר זיין בעה"ב וואקט ארויס נעמט ער ארויס זיין טעלעפאון און שיקט א טעקסט צו די אנגעגבענע נאמבער.

מייק זעהט אויף זיין טעלעפאון אז דזשים האט יעצט ארויסגעוואקט פון אפיס, ער זעצט זיך אריין און די קאר ער גרייט זיך נאכצופארן דזשים.

די אגענט וואס האט געהוטן אויף דזשים האט באמערקט די טעקסט וואס זיין סעקרעטאר האט געשיקט ווי נאר דזשים האט ארויסגעוואקט, ער באריכט דאס פאר זיין אפיציר.

לואיס זאגט אים אז ער זאל אריין וואקן יעצט צום סעקרעטאר און אים פרעגן מיט וועם ער ארבעט און וואס ער טוהט, אבער אויב מאכט ער קונצען זאל ער אים תיכף ארעסטירן!

די אגענט האט אפגעמאכט ביי זיך אז ער גייט דא מאכן א אקציע צו דערשרעקן דעם סעקרעטאר אזוי וועט ער זיכן זינגען און דערציילן אויב ווייסט ער עפעס.

ווי נאר דער סעקרעטאר טוט זיך אן זיין קאוט און וואקט אריין און די עלעוועיטאר אהיים צוגיין, גיט די אגענט אלייג אריין די שליסעל אז די עלעוועיטאר זאל זיך אפשטעלן.

די אגענט עפענט די דרויסענדיגע טיר און גיט א קליינע שפרינג אראפ אויפן עלעוועיטאר באקס, ער עפענט די קליינע דאך פון אויבן און שפרינגט אריין אינעם עלעוועיטאר.

דער סעקרעטאר איז געשטאנען אינעם עלעוועיטאר און פראבירט צו קוקן וואס דא איז געשעהן, פארוואס די עלעוועיטאר האט זיך אפגעשטעלט, פלוצלינג הערט א קליינע זעץ

אויפן דאך און נאך פאר ער האט געכאפט וואס דא קומט פאר האט ער געזעהן א מענטש שטיין פאר אים.

אגענט : איך בין פון די פב"א, דערציי"ל אלעס וואס די האסט היינט געהאט מיט די צוויי מענטשען וואס האבן אריין געוואקט.

סעקרעטאר : א י ך ק ע ן ז ע ה ן ד י י ן ב ע ט ש? פרעגט דער סעקרעטאר אינגאנצען דערשראקן.

דא האסטו, ווייזט די אגענט.

סעקרעטאר : זייער גוט אז די ביסט דא איך האב דיר געוואלט זאגן אז מיין בעה"ב איז און א גרויסע צרה, טעראריסטן לאקערן אויף אים און זיי האבן מיך געצווינגען זיי איינצומעלדן יעדעס מאל וואס ער גייט און קומט.

אגענט : דאס אלעס וואס די דארפסט טוהן?

סעקרעטאר : יא, זאל איך עס מער נישט טוהן?

אגענט : טוה ווייטער וואס מ'האט פארלאנגט פון דיר.

סעקרעטאר : אבער וואס וועט זיין מיט מיין בעה"ב גייט איר אים ראטעווען?

אגענט : מיר שיצן אים זארג דיך נישט.

די אגענט גיט צוריק א שפרינג ארויף אינעם דאך און ווערט נעלם.

טשארלי זעצט זיך אריין און די קאר, ער גיט יעצט אראפ פארן צו די ברוקלין ווער הויז זעהו צו מ'האט אלעס צוגעשטעלט ווי אפגעשמיסט.

דזשים פארט אהיים און ווערט נאכגעפאלגט מיט צוויי קארן, איינס איז מייק, און אונטער מייק פארט נאך א קאר און דארט זיצט א פב"א אגענט צו היטן אויף דזשים.

א שיף פארט זיך געלאסן און וואסער, אינעם שיף זיצען זעקס מענטשען, פינעף אגענטען און איין דרייווער.

בילי זיצט און קוקט אויף זיין קאמפוס און אויך אויף די צעטיל וואס זיין בעה"ב האט אים געגעבן.

ווי נאר ער זעהט אויפן קאמפוס די שיף וואס מ'האט אים געגעבן אויסצושמעקן טוט ער זיך אן זיינע שווים קליידער און מאכט זיך גרייט צו דייוון, ער זאגט פארן דרייווער זאל צופארן נאך אביסעל ווי נאר ער איז געווען גענוג נאנט גיט ער א דייוו אריין אינעם אייז קאלטן וואסער.

ער שווימט צו צום שיף, ער פראבירט זיך ארויפצושלעפן אויפן שיף אבער אן קיין ערפאלג. נאך אפאר מאל פראבירן איז עס ענדליך געלונגען, אבער נישט פאר ער האט אריינגעווארן בטעות זיין טעלעפון, די טעלעפאון האט ער מיטגענומען אויפן פארלאנג פון זיין אפיציר, מיט דעם האט ער געדארפט אימעילן זיין אפיציר אלע קאנטעינאר נאמבערס וואס ער זעהט אויף דעם שיף, די סיבה פון אימעילן האט זיין אפיציר מסביר געווען זייער פשוט, ווייל אויב כאפט מען דיך זאלן מיר שוין כאטש האבן די אינפארמאציע.

אבער בילי האט נישט באמערקט אז זיין טעלעפאון איז אראפ געפאלן, ער איז ווייטער געקראכען ביז ער איז אנגעקומען צום טיר פונעם בעסמענט פונעם שיף, דארט ווי אלע קאנטעינארס ליגן, די טיר איז געווען פארשלאסן, אבער דאס איז נישט קיין גרויסע זאך, ער נעמט ארויס זיינע טולס, עפענט די טיר און גייט אריין.

ער גייט גלייך צו צום ערשטען קאנטעינאר, וויל ארויס נעמען זיין טעלעפאון צו אימעלן אבער ער דערזעהט זיך אן דעם.

נישט געפערליך טראכט ער צו זיך, איך וועל אראפ שרייבן די נאמבערס, בעסר ווי גארנישט איז עס זיכער.

אויפן דאך פונעם שיף זיצען די מאטראזן און שמיסען, אינמיטן הערן זיי א זעץ. גיי אראפ קוק וואס די זעץ איז געווען געט זיך איין מאטראז א רוף אן צו זיין חבר.

אקעי, איך גיי אראפ.

בילי הערט ווי איינער וואקט אראפ די שטיגן...

ס'ווערט אים שווארץ, ער זעהט אז ער האט געמאכט א פארדרוסלעכן טעות. ער האט אפען געלאזט די טיר...

דער מאטראז זעהט אז די טיר איז אפען...

ער שטעלט זיך אפביים טיר און נעמט ארויס זיין פלעש לייט...

בילי שטייט פארפרוירן צווישן צוויי קאנטעינארס...

בילי קען זעהן די שאטן פונעם מאטראז דורך די קליינע לאמפ וואס שיינט ביים טיר...

דער מאטראז וואקט אריין אינעם צימער...

אט אט איז ער שוין ביי בילי. בילי האלט צוריק זיין אטעם...

דער מאטראז דערנעטערט זיך...

# קאפיטל 9.

דזשים קומט אן אהיים ער לייגט זיך שלאפן אבער נישט פאר ער דאווענט און דאנקט דעם באשעפער אויף אלע חסדים ביז אהער און בעט אויף ווייטער.

פארשטייט זיך אז מייק האלט אלעס מיט אויף זיין מאשינקע.

לואיס זיציט און אפיס, אוןווארט.

אלע פון זיינע אגענטן האבן שוין אריין ג'אימעיל'ט די קאנטעינארס נאמבערס, קיינע פון די קאנטעינארס זעהן נישט אויס פארדעכטיגט אבער פון זיין בעסטע אגענט בילי האט ער נאך נישט צוריק געהערט, ער פראבירט צו אימעילן און זעהן צו בילי ליינט זיינע אימעילס, אבער ער זעהט אז די אימעילס קומען ניטאמאל אן, דאס איז אים זייער נישט געפאלן, ער האט געהאפט אז מ'האט אים נישט געכאפט לעבעדיגערהייט.

בילי שטייט פארפרוירן אויף זיין פלאץ, דער מאטראז דערנעטערט זיך...

בילי האט נישט קיין ברירה ער געט א שפרינג ארויף אויפן מאטראז...

ס'האט זיך אנגעפאנגען אן ערענסטע גראנגעל. דער ווארפט און דער הייבט זיך, א קנאק דא א זעץ דארט...

נאך אפאר מינוט זיך ראנגלען האט בילי געגעבן א זעץ פארן מאטראז און קאפ, דאס האט ערלעדיגט אז דער מאטראז זאל פארלירן זיין באוויסטזיין.

בילי כאפט שנעל אז ער איז נאך נישט אינדערויסן פונעם געפאר, ער דארף זיך ארויסזעהן פון דא וואס שנעלער, די אלע זעצעס און קנאקעס זענען זיכער געהערט געווארן אויבן און זיי גייען קומען קוקן וואס דא טוט זיך.

אבער אלס געטרייע אגענט וויל ער נאך נישט גיין פאר ער האט נישט געזאמעלט די אינפארמאציע, אלזא ער האט יעצט גאנצע פיפציג סקונדעס פאר ער דארף אנטרינען ווערן פון דא.

אויבןביים דעק זיצן די אנדערע מאטראזן.

וואס איז די זעצעס דארט אונטען פרעגט איין מאטראז?

איך ווייס נישט, ער איז דאך אראפ געגאנגען זעהן רופט זיך א צווייטער אן, יא אבער עפעס הערט זיך דאס פארדעכטיגט, לאמיר אלע אראפ גיין זעהן.

אקעי ג'יימער.

בילי שרייבט נאך און נאך נאמבערס. ממש פאר די לעצטע קאנטעינאר הערט ער שוין די טריט. דאס איז נישט איין מענטש. דאס איז אפאר מענטשען. זיי אפצושלאגן איז א זאך וואס איז נישט מעגליך טראכט ער צו זיך. אבער ער איז אנטשלאסן צו ענדיגן אפשרייבן. זאל זיין וואס זאל זיין...

די חברה זענען שוין באלד דא... ס'איז א רעדע פון בערך פיר אדער פינעף מענטשען. ווען ער האט געהאלטן ביי די לעצטע קאנטעינאר זענען זיי שוין געשטאנען ביי די טיר...

ער איז א פארטיגער...!!!!!

וואס טוהט מען דא???

די קערפער פונעם ערשטען מאטראז ליגט דא אינמיטן וועג, זיי גייען גראד זעהן אז איינער דרייט זיך דא...

ער האט נישט קיין ברירה ער וואקט ארויס צו זיי מיט די הענט אויפן קאפ...

ער געט זיך אינטער...

די מאטראזן זענען געשטאנען געפלעפט. ווער ביסטו און וואס זוכסטו דא פרעגט די הויפט?

בילי ענטפערט נישט.

ווער ביסטו.?? וואס זוכסטו דא.?

בילי ענטפערט נישט.

זיי כאפן אן בילי, מבידנט אים מיט שטריק, מ'שטעלט אים ביים וואנט, יעדער פון די מאטראזן וואקן אים דורך און דערלאנגן אים א פראסק און פנים.

דערנאך נעמט אים די עלטסטע פון די מאטראזן און פירט אים צום קאפיטאן, זאל ער זאגן וואס מ'טוהט דא ווייטער.

בילי גייט פארשטייפט, ער גרייט זיך יעצט פאר שווערע פיינוגונגס אויב נישט דאס טויט, אבער ער איז גרייט צו שטארבן און נישט פارראטן זיין לאנד.

דער קאפיטאן נעמט אים און טראסקעט אים אראפ אויפן פלאר און מיט אן עקסטרע אכזריות שטויסט ער אריין און אים...

דערנאך נעמט דער קאפיטאן און הייבט אויף בילי, ער שטעלט אים מיט די פנים צום וואנט און נעמט זיך אויספאקן זיינע טאשן...

ער טרעפט דארט זיין בעדזש אז ער ארבעט פאר די פב"א... די זאך הייבט אן צו שטימען...

דער קאפיטאן נעמט ארויס זיין טעלעפאון און נעמט ארויס א קליין צעטעלע פון זיין טאש, אויפן צעטיל שטייט א נאמבער, ער דריקט אריין די פאר נאמבערס און לייגט צו די פאון צו זיין אויער...

לואיס איז זייער אומרואיג, זיין בילי וואלט שוין געדארפט זיך לאזן הערן. ס'גפעלט אים נישט די גאנצע זאך.

ער מאכט אפ ביי זיך אז ער גייט ארויסשיקן א קליין שיפל מיט צוויי אגענטען און זיי זאלן צופארן צו דעם שיף און זעהן צו זיי הערן אדער זעהן עפעס וואס דאס וועט פארענטפערן ווי בילי געפונט זיך.

די שיף פארט ארויס די אגענטען דערנעטערן זיך צום שיף אבער זעהן גארנישט פארדעכטיגט. זיי טראכטען שוין פון צוריק פארן אבער מיטאמאל זעהן זיי עפעס פארדעכטיגט און די וואסער, זיי פארן צו...

ראמאן נעמט שיין אויף זיין אויבערהאר טשארלי, טשארלי פארלאנגט צו פאררעכטן צוויי דריי קלייניקייטן.

טוה דיר אן מיט דיינע פארשטעלטע קליידער ווייל מיר גייען ארום פארן אביסעל און איך וויל דיך זעהן זיך אויסמישען און שמיסען מיט מענטשען.

ראמאן טוט זיך אן זיין פארשטעלעכץ טשארלי קוקט אזוי, ער זעהט נישט אויס שלעכט.

אקעי איך בין גרייט זאגט ראמאן.

מאך גרייט די קאר, איך קום שוין.

ביידע זעצן זיך אריין און די קאר און מ'לאזט זיך ארויס אויף די וויליאמסבורגע גאסן...

ער הייסט ראמאן זיך ארויף דרייען אויף ראסס פארן גראד ביז בעדפארד דארט זיך אראפ דרייען ביז טעילער. די גאסן זענען שטיל. טשארלי שמייכעלט זיך אונטער. ער טראכט צו זיך, די טעג זענען געציילטע און אט אט וועט דא זיין זייער לעבעדיג... נישט לעבעדיג פון שמחה. נישט קיין פריידיגע טאנצעדיגע קינדער. נאר גאר ווייט דערפון... א שמייכעל ציהט זיך אויס אויף זיין פנים... ער לייגט ארויף די פיס אויפן דעש בארד, ער נעמט ארויס א ציגארעטל, ער מאכט אראפ די ווינדאו, ער צינדט עס אן, ער ציהט אריין די רויעך און בלאזט עס ארויס.

די רויעך שלייכט זיך ארויס דורך די אפענע פענסטער...

אזוי פארענדיג פאלט אים ביי א בייפאל.

ער הייסט ראמאן פארקירוועןזיין קאר ארויף אויף מארסי.

ס'פאלט אים ביי גאר א נייער פלאן. ער ווערט זייער גוט אויפגעלייגט. ער הייסט ראמאן צופארן ביז בראדוועי... די שמייכעל טוט זיך נישט אפ פון זיין פרצוף, ער קען נישט פארשטיין פארוואס דאס איז אים ביז יעצט נישט בייגעפאלן...

זיין טעלעפאון געט זיך א צוקלינג, ער נעמט עס ארויס צו זעהן ווער ס'רופט אבער ער זעהט אז יענער האט שוין אראפ געלייגט, די נאמבער וואס האט אים גערופן איז אים נישט קענטיג אבער און זיין אפיס האט ער די פראגרעם צו זעהן אלע נאמבערס ווער זיי זענען, ער הייסט ראמאן צוריק פארן צו זייער באזע.

אינמיטן כאפט ער זיך אז אייגענטליך דאס דארף זיין די נאמבער פון דער קאפיטאן פונעם שיף...

וואס האט ער געוואלט און פאר וואס האט ער דא גראד אראפגעלייגט?.

סתם אזוי רופט ער קיינמאל נישט צוריק אויב איינער לייגט צו שנעל אראפ, דאס איז קעגן זיין כבוד, אבער דא איז א אויסנאם, ער רופט צוריק די נאמבער...

לואיס, הייבט אויף זיין טעלעפאון, איינע פון זיינע צוויי אגענטען רופן אים דערציילן אז זיי האבן געפונען און וואסער א מאשינקע און ווי ס'זעהט אויס איז עס בילי'ס טעלעפאון...

לואיס ווערט זייער נערוועז, דאס מיינט אז אויב בילי איז יעצט און א געפאר איז נישט דא ווי אזוי ער זאל מיך מעלדן.

ער ווייסט וואס דאס מיינט פאר אן אגענט צו זיין אן זיינע קאמיונעקאציע מיטלן, ס'איז א גרויסע קאשמאר.

רירטס ענק נישט אוועק פונעם שיף ווי לאנג עטס האטס נישט מער אינפארמאציע, און פראבירטס אויף צוכאפן אויב זעהט איהר סיי וואסערע הילף'ס רופן, לאזט מיך וויסן יעדע פארשריט, זאגט לואיס.

די מאטראזן זיצען אויפ'ן דעק, זיי שמיסען איבער וואס האט אקוראשט פאסירט, א מענטש האט זיך אריין געכאפט און די בעסמענט פונעם שיף, ער האלט נישט ביים זאגן פון ווי ער קומט. אפשר גאר איז ער מיטגעשיקט געווארן מיט איינע פון די קאנטעינארס?

פון ווי האט ער ארויסגעוואקסען? פארוואס האט ער זיך געדארפט שלאגן און אוועקלייגן די ערשטע מאטראז? עפעס איז דא זייער פארדעכטיגט.

יא, פאר מ'איז ארויסגעפארן האט דער קאפיטאן צאמגערופן יעדעם און אנגעזאגט אז דא פירט מען יעצט עקסטער טייערע סחורה, און אויב איינער זעהט עפעס פארדעכטיגט זאל ער גלייך מעלדן, יעדער האט זיך דעמאלטס געוואונדערט וואס די פשט פון די מעלדונג איז געווען, ס'איז נישט די ערשטע מאל וואס זיי ליפערען טייערע סחורה, אזא מעלדונג איז נאכ קיינמאל נישט געוועהן, אבער יעצט נאך די מעשה זעהט שוין עפעס אויס ווי נישט פשוטע טייערע סחורה נאר עפעס מער באהאלט זיך דא...

אזוי שמיסענדיג זעהט איינער ווי א קליינע שיף קריכט נאך זייער גרויסע שיף, ער רופט צו זיין חבר,ביידע טוהן זיך אן זייערע שפאקטיוון און זעהן די זעלבע זאך, א קליינע שיף מיט צוויי מענטשען קריכן נאך זייער שיף, די זאך ווערט מער פארדעכטיגט...

ער לויפט אראפ צום קאפיטאן, ביים קאפיטאן און צימער זעהט ער ווי בילי ליגט און די זייט כמעט באוויסטלויז, צייכענעס איבעראל, ס'זעהט אויס ווי דער קאפיטאן האט אריין געהאקט און אים א היבש ביסעל.

דער מאטראז זעהט אז דער קאפיטאן האט יעצט גענומען די טעלעפאון צו רעדן צו איינעם, אבער דאס איז אן עמערדזשענסי ער וואקט אריין דער קאפיטאן געט א לייג אראפ די טעלעפאון נישט וועלענדיג אז דער מאטראז זאל הערן צו וועם ער רעדט, דער מאטראז מעלדט אים איין אז עפעס א קליינע שיפל האט זיך אנגעקלעפט און פארט זיי נאך ווי א ווידעל, בילי הערט אויס די שמועס זיין אויגן שראלט אויף. ער פארשטייט אז דאס מיינט אים.

אבער דער קאפיטאן איז געווארן זייער ווילד ער הייסט פארן מאטראז זאל ארויס נעמען הויעך הילכערס און אריבער שרייען צום שיף און זיי איינמעלדן אז אויב ביז צוויי מינוט זיי פארן נישט אפ פון דא גייען זיי דערשאסן ווערן!

דער מאטראז פאלגט און רופט עס אויס.

די צוויי אגענטען זענען היפש דערשראקן געווארן, זיי זענען נישט דא גרייט פאר א שיסעריי, זיי זענען נישט געקומען מיט זייער געווער אחוץ די קליינע רעוואלווער און טאש.

די אגענטען האבן זיך אביסעל אפגערוקט פונעם גרויסן שיף און גערופן זייער אפיציר לואיס, זיי דערציילן אים די אנטוויקלונג.

לואיס האט עס זייער נישט געשמעקט, ער האט זייער נישט געוואלט זיך דארפן רייסן מיט זיי אויפן וואסער, ער האט געוואלט אויסמיידן יעדע קאנפליקט וואס מעגליך, ער האט זייער געקענט באשטיין אז די סחורה זאל אנקומען ווי ס'דארף און דארט עס פאקן, נישט ביים וואסער רויערהייט.

אבער יעצט איז נישטא קיין צייט צו לאנג, זיין אגענט בילי דארף מען ארויסזעהן, ער איז לכאורה פארכאפט אויפן שיף.

לואיס זאגט זיי אז זיי זאלן פראבירן זיך צו שפילן מיט די גרויסע שיף, און ביז צעהן מינוט וועט דארט זיין א פולע שטאב פון פב"א און מגייט אינוואדירן די שיף, אבער זיי זאלן נאך אלס זיין געווג נאנט צו קענען האלטן א אויג דעראויף...

דער קאפיטאן זיצט און קוקט ארויס צום קליינעם שיף, ער וויל זעהן צו ס'יאגט אפ פון אים, ער זעהט ווי ס'האט זיך אביסעל אפגערוקט אבער נישט דאס האט ער געמיינט.

די זייגער ווייזט שוין אויף איין מינוט און פיפציג סקונדעס, אויב ביז צעהן סקונדעס די שיף איז נאך דארט גייט ער מאכן דערפון א פארגאנגענהייט...

איין און פיפציג... דריי און פיפציג. זיבן און פיפציג... ניין און פיפציג...

טשארלי קאלט אים אריין, ער זאגט פאר טשארלי און קורצע ווערטער אז די פב"א איז אויף זייערע טריט, ער האט פארכאפט אן פב"א אגענט ביי זיך און צימער און ער רישט זיך יעצט אראפצושיסען נאך צוויי חברה.

נאך פאר טשארלי האט געקענט זאגן יא אדער ניין, האט שוין די קאפיטן ארויס געשטעלט דעם שיסער, אנגעצויגן אויף די פאזיציע אויסגעדראדט...

און... בום.!!!!!. בום...

א קליינע מארטער שעל מיסעל פליט ארויס פונעם גרויסן שיף גראד אריין און די בויך פונעם קליינעם שיף...

דער קאפיטאן צושמייכעלט זיך ווען ער זעהט ווי די קליינע שיף צוברעקלט זיך ווי א שטיקל פאפיר... א קליינע פייער'ל און וואסער איז דאס גאנצע וואס איז געבליבן אלס אן עדות אז דא איז נישט לאנג צוריק געוועהן א שיף...

# קאפיטל 10

די צוויי אגענטן זעהנדיג אז דער קאפיטאן שלעפט ארויס דעם שיסער און גרייט זיך זיי צו שיסען האבן זיי פארצווייפעלטערהייט ארויסגעשיקט אן עמערדזשענסי זענדונג צו זייער אפיציר און די הילפס רוף האט זיך געליינט אז זיי זענען אינטער אן אטאקע און דארפן באלדיגע הילף!

ווי נאר זיי האבן דאס אפגעשיקט זענען זיי ארויסגעשפרינגען פון די שיף, נאך א מינוט האבן זיי טאקע געזעהן ווי זייער שיף גייט אויף און פלאמען.

דער קאפיטאן קוקט און זיין קוקער, ער וויל זעהן פון די נאנט די שיינע סצענע ווי די שיף מיט צוויי אגענטען ברענען, אבער קוקענדיג זעהט אז די צוויי אגענטען שווימען גאר לעבעדיג און וואסער. זיי האבן עס איבער געלעבט.

ער שיקט איינע פון די מאטראזן זאל זיי גיין אויפפיקן און ברענגען צו אים.

לואיס, באקומט די ריפ פון זיינע אגענטען, ער זעהט אז די מצב איז זייער נישט גוט, ער רופט אן די פילאט פונעם העליקאפטער פרעגן ווי לאנג ס'גייט אים נאך נעמען, די פילאט זאגט אז ביז פינעף מינוט איז ער דארט!

ער פראבירט זיי צוריק צורופן אבער קיינע פון די צוויי אגענטן האבן שוין נישט אויפגעהויבן די פאון'ס.

לואיס פארשטייט וואס דאס מיינט.

אדער זענען זיי טויט אדער פארכאפט.

ער רופט צוריק דעם פילאט און הייסט אים אראפרוקן די שטעקן ביז אונטען און פארן די שנעלסטע וואס מעגליך.

זיי זענען באוואפענט מאך זיכער אז די היטס דיך, זאגט לואיס פאר'ן פילאט.

דער מאטראז קומט צוריק מיטביידע אגענטען, דער קאפיטאן נעמט זיי אויף מיט קללות, אבער נאך פאר ער האט זיך געקענט צוזאם קלאפן און זיי אויספארשען און אויספאקן די טאשן, הערט ער ווי א העליקאפטער קומט צו פארן צו זיין ריכטונג, ער זעהט נישט דעם העליקאפטער אבער די גרידער ווערט העכער און העכער.

אלע מאטראזן אויפן שיף זענע דערציטערט געווארן, זיי האבן נישט קיין מושג וואס דא גייט פאר, פריערט טרעפט מען איינעם און זייער בעסמענט, דערנאך שיסט מען א שיף מיט צוויי מענטשען און מ'פארכאפט זיי און יעצט קומט א העליקאפטער צו זייער ריכטונג, די גאנצע פלאץ שמעקט ווי א מלחמה זאנא, פארלוירענערהייט רופט די קאפטיטאן אן זיין בעה"ב טשארלי און זאגט אים אז די סיטאציע איז זייער נישט גוט. א העליקאפטער איז אויפן וועג זיי צו פארכאפן...

טשארלי טראכט א מינוט וואס מ'קען יעצט טוהן, נאך א מינוט זאגט ער פארן קאפיטאן וואס צו טוהן.

דער קאפיטאן צולאכט זיך און לייגט אראפ די פאון.

דיס איז פב"א, הערט זיך א געשריי פון הימל אראפ! יעדער אויפן שיף זאל זיך שוין אראפלייגן אויף דער ערד מיטן פנים אראפ און די הענט און די בעק!

די מינדעסטע ריר איז א שאס!!!

אלע מאטראזן האבן ווי טאטעלך געפאלגט, יעדער האט זיך שיין אראפגעלייגט, זיבן פב"א אגענטען האבן זיך אראפגעלאזט אויפן שיף געבינדען אלע מאטראזן.

זיך ארום קוקענדיג באמערקן זיי אז דער קאפיטאן איז נישט צווישן זיי.

ווי איז דער קאפיטאן? פרעגט די עלצטער אגענט, אונטען און זיין שטיבל גיבן זיך צוויי מאטראזן א רוף אן.

צוויי אגענטען שפאצירן אראפ צום קאפיטאן, אבער ווי נאר זיי קומען דארט אן ווערן זיי פארפרוירן.

דער קאפיטאן זיצט מיטן פנים צום טיר און מיטן רוקן צום פענסטער, פאר אים זיצען צוויי אגענטען געבינדען די הענט און מויל, דער קאפיטאן האלט צוויי גאנס בייביידנ'ס קעפ, און רופט זיך אן: נאך א טריט איר געט און די צוויי זענען טויט!! און כדי צו ווייזן אז ער מיינט עס

ערענסט האט ער זיי אנגעוויזן אויף די דריטער אגענט וואס איז געלעגן דארט און א טייך פון בליט מיט א שאס און קאפ.

דער הויפט אגענט איז געבליבן געפרוירן.

ער רופט זיך אן, אקעי איך ריר מיך נישט ווייטער, וואס זענען דיינע פארלאנגען?

איך וויל ביז צוויי שעה האבן א העליקאפטער זאל מיך אוועק פירן פון דא און מיך טראגן צו קענעדי לופטפעלד און דארט זאל מיך א פליגער אפווארטן און מיך נעמען ווי איך וועל פארלאנגען!

אבער געדענק איך האב געזאגט צוויי שעה, דאס מיינט אז יעצט איז 2:45 ביי 4:45 וויל איך זיין אינדערויסן פון דא! אויב ביז דעמאלטס איז עס נישט ערלעדיגט גיי איך אראפשיסן נאך איינעם, און אויב ביז נאך א האלבע שעה דאס מיינט 5:15 איז עס נישט ערלעדיגט דעמאלטס גייט דער צווייטער! דאס איז וואס איך פארלאנג! און יעצט פאנג אן צו ארבעטן אז דאס זאל צושטאנד קומען אויב דיינע קאלעגן האבן א ווערט און דיינע אויגן.

לואיס באקומט א טעלעפאון קאלל, ער הערט אויס וואס זיינע אגענטן דערציילן אים, זיין בלוט נעצט זיך קאכן שרעקליך. אזא חוצפה!

ער פארלאנגט נאך צו קענען אנטלויפן פון לאנד...

ער גייט פון דארט קיין לעבעדיגער נישט ארויס שווערט ביי זיך לואיס!

לואיס רופט אן זיין אויבערהאר און וואשינגטאן און דערציילט אים די גאנצע סיטואציע, און בעט אים אויב קען ער אים שיקן א ציל שיסער פון די נעווי, אבער אזא איינער וואס קען גאר גוט זיין פאך און פון צוויי הונדערט יארד זאל ער קענען צילן מיט איין שאס.

נישט קיין פראבלעם זאגט זיין אויבערהאר, ביז א שעה אהאלב קען איינער זיין ביי דיר, הממם. נישט שנעלער? ווייל ביז ער קומט אן און ביז אוך צייג אים פינקטלעך אן ווי און וואס קען שוין זיין צו שפעט.

דאס איז דאס שנעלסטע וואס איך קען האבן זאגט זיין אויבערהאר מיט צווייפלעניש, ווילסט נישט ניצען די "נ ווי פי די" ספעשעל פארס יוניטס? אפשר האבן זיי איינעם? נעה ח"ו

זאגט לואיס, זיי זענען דורך געפוילט, איך ווייס קיינמאל נישט צו ווי נאר איך לייג אראפ די פאון צו ער גייט נישט רופן איינע פון יענע חברה דערציילן, נאו, איך האב נישט קיין שום טראסט און זיי!

אקעי, ס'איז א שאד יעדע רגע, איך שיק אים שוין ארויס און די פראביר צו געווינען צייט ביי אים.

אקעי טענקס זאגט לואיס.

טשארלי זיצט אויך נישט מיט צוזאמגעלייגטע הענט, ער האט אויך נישט געוואלט און געדארפט אז די מצב זאל זיך אזוי אויסקאכן היינט נאכט, דאס מיינט אז יעצט האבן די פב"א און זייערע הענט זיין קאנטעינאר.

דאס איז נישט א זאך וואס ער גייט דורך לאזן!!!

ער הייבט אויף די פאון און וועקט אויף זיין ארבעטער, דער סעקרעטאר פון די פב"א.

הער מיך צו זאגט אים טשארלי, די ביסט די איינציגסטער וואס קען נאך דא ראטעווען די זאך.

איך וויל אז די זאלסט אויף עפעס א וועג פארדרייען די פב"א און זיי איינרעדן אז די ווייסט קלאר אז די קאנטעינאר ליגט נישט אויף די שיף, אבער איך וויל אז די זאלסט שוין אנפאנגען צו טראכטן ווייל ביז א האלבע שעה דארף איך א פארטיגע פלאן!

דער סעקרעטאר פראבירט זיך צו פארענטפערן אז ער ווייסט נישט ווי אזוי ער קען אויספירן אזא זאך, ער איז נאר א סעקרעטאר ער קען נישט טוהן גארנישט מער ווי דעם.

אבער אזוי רעדענדיג באמערקט ער אז ער רעדט צו די פיר ווענט. טשארלי האט שוין לאאנג אראפ געלייגט.

דער סעקרעטאר טוט זיך אן, ער זעהט גראד אז היינט נאכט גייט ער שוין נישט שלאפן, ער רופט אן לואיס און פרעגט אים וואס ס'גייט פאר, לואיס דערציילט אים און קורצען וואס ס'גייט פאר און וואס די פלענער זענען, דער סעקרעטאר דערציילט אים אז טשארלי האט

אים יעצט גערופן און איז זייער פארלוירן, ער פארלאנגט פון אים אויפצוקומען מיט א פלאן ווי אזוי צו ראטעווען די מצב.

לואיס טראכט א מינוט... ס'איז אים בייגעפאלן א גוטס... ער טראכט עס גוט דורך... יאפ. ס'איז גוט. מ'קען גיין ווייטער דערמיט...

ער זאגט פארן סעקרעטאר וואס די פלאן איז. ביידע שטימען צו אז ס'איז א אייזענע פלאן...

געגאנגען, רוף צוריק טשארלי און זאג אים...

טשארלי הערט אויס די פלאן און זיי פנים שטראלט אויף...

כ'האב געוואוסט אז די ביסט איינער וואס וועט מיך קענען ראטעווען זאגט טשארלי גוטמוטיג פאר'ן סעקרעטאר.

איך גיי שוין איינשפאנען די חברה.

זייער גוט.

אונז דארפן מיר זיך נאך אראפזעצן און פונקטליך אויסארבעטן די פעימענטס, ווי אזוי און וויפיל איך גיי דיר באצאלן, אבער דאס איז אמאל זיכער אז נאך אזא נאכט קומט זיך דיר א לוינונג.

די זייגער רוקט זיך ס'איז שוין 4 :15 די ציל שיסער דארף יעדע רגע אנקומען, די צייט ווערט אנגעצויגן.

א קליינע שטילע שיפל לאזט זיך ארויס פונעם בארטן, אינעווייניג זיצט ביל מיט צוויי געהילפן, די שיף שווימט אזוי שטילערהייט אויפן וואסער, זייער ציל איז זייער קלאר, זיך אריין כאפן אינעם גרויסן שיף, ארויסנעמען צוויי באקסעס פון קאנטעינאר 115 און צוריק קומען צו טשארלי מיט די זאכן, אבער דאס דארף געטוהן ווערן און גרויס איילעניש נאך בעפאר 4 :45 וואס דעמאלטס איז די זייגער ווען דער קאפיטאן פלאנט זיין מארד אקציע...

די קליינע שיפל רוקט זיך צו נענטער צום גרויסן שיף... די מאטאר איז פארלאשן. זיי בינדען צו זייער קליינע שיפל צום גרויסן שיף, ביל מיט זיינע געהילפן שפרינגען אריבער... די שיף אונטען איז ליידיג אלע אגענטען מיט די מאטראזן זיצען אויבן, ביל נעמט ארויס זיין פלעש לייט גייט גלייך צו צו קאנטעינאר 115 נעמט ארויס פון דארט צוויי קליינע שאכטלעך, מאכט צוריק צו די קאנטעינאר און לויפט אראפ צוריק צו זיין שיף.

ווי נאר ביל איז פארטיג געווארן רופט ער אן טשארלי און גיבט אים איבער אז די זאך איז און זיינע הענט און ער איז שוין אויפן וועג צוריק.

ביל האט נישט אויפגעכאפט אז מיט אביסעל נישט ווייט פון אים פארט אויך א שטילע שיפל און צוויי חברה זיצען דארט און באטראכטן יעדע ריר.

ווי נאר ביל האט אנגעהויבן אוועק פארן האבן די צוויי אויך ארויס גענומען זייערע פאונס און אנגעריפן זייער בעה"ב לואיס און אייגעמאלדן אז זיי האבן אן אויג אויף אים און ער האט שוין די סחורה.

מאכ זיכער אז די פארלירסט זיי נישט זאגט לואיס.

וויל טריי...

אבער אזוי שמיסענדיג האבן די אגענטען נישט אויפגעפאסט אז א קליינע שיפל פארט אינטער זיי און און דעם זיצט א מענטש וואס האט אויפ זיך א שפאקטיוו...

און ער האט אויפגעכאפט וואס דא גייט פאר...

ער רופט אן ביל און זאגט פאר ביל :.

ביל די ווערסט געפאלאוט ביי אן אנדער קאווער שיף, איך וועל זיכער מאכן אז זיי פארלירן דיינע טריט אבער ביז דערוויל היט דיך. די קליינע שיף דערנעטערט זיך צו די שיף מיט די אגענטן... די דרייווער שיקט א מעסעדזש פאר ביל אז ער זאל זיך נעמען פארן גאר שנעל ווייל יעצט קומט די אקציע...

ביל רוקט אראפ די ספיד צו די מערסטע וואס ער קען.

די קליינע שיפל קומט צו פליען די דרייווער מאכט אומבאנומענע קולות.

ראטעוועט... איך קען נישט קאנטראלירן מיין שיף. העעעעלללפפ...

און... קראאאךךך...

א זעץ אריין אינעם שיף ווי די פב"א אגענטן.

ביידע אגענטן זענען אומגעפאלן.

אבער די דרייווער פון די קליינע שיף האט אנגעפאנגן צו וויינען און זיך פארענטפערן אז ער האט זיי נישט געוואלט וויי טוהן, ער האט פשוט פארלוירן קאנטראל. און ער וויל וויסן צו ער זאל רופן הילף פאר זיי...

די אגענטן האבן זיך אויפגעשטעלט און געזאגט ניין זיי זענען גוט אבער זיי האבן גלייך געכאפט אז זיי האבן יעצט פארלוירן טרעק אויף ביל'ס שיף...

די ציל שיסער איז אנגעקומען לואיס זעצט זיך אריין אינעם שיף, ער פארט מיט מיט אים צום שיס פלאץ, אויפן וועג איז ער אים מסביר וואס דא גייט פאר און פארוואס ער דארף אים, די ציל שיסער טשעקט זיין גאן מיט זיין טעטעסקאופ צו אלעס קלאפט, ער זאגט פאר לואיס אז ער פארשטייט און האפט אז ער וועט קענען אויספירן די ארבעט.

ווייל א שיף אויפן וואסער שאקלט זיך, און מיט איין קויל פון אזוי ווייט איז גאנץ שווער.

אבער ער וועט פראבירן...

דער קאפיטאן אויפן שיף ווערט אנגעצויגן.

די זייגער האלט שוין ביי 4 :43 און ער זעהט נישט קיין שום אקטיוויטעטן וואס זאל אנצייגן אז די פב"א האט זיך דערשראקן און זיי פלאנען זיך צו צו שטעלן אים...

ער רופט צו די הויפט אגענט פונעם שיף און הייסט אים זיך גרייט צו מאכן...

די גייסט זיין דער וואס גייט הארגענען דיין קאלעגע...

קום דא נעבן מיר. נעם ארויס די מעסער פון מיין טאשקע. ווען איך הייס דיר וועסטו אנפאנגן צו שניידן...

אבער אויב געסטו דיך איין רור נישט ווי אזוי איך וויל שיס איך אים אראפ. און דערנאך דיר...

די זייגער קלאפט אויף 4 :44 די ציל שיסער איז יעצט אנגעקומען אויף זיין פאזיציע. ער האט פיפציג סקונדעס זיך צו אנגרייטן און כאפן די פאזיציע...

ער שטעלט אויף זיין מאשין גאן. ער קוקט אריין אינעם קוקער.

ער זעהט די טארגעט אבער ער דארףווארטן אז די שיף זאל שטיין גראד און ווי אויך די טארגעט זאל זיך נישט ריךן...

ביל פארט מיט די זאכן, ער לייענט די טעקסט וואס זיין חבר האט אים געשיקט אז ער האט מער נישט קיין ווידל...

ער צושמייכלט זיך.

אבער פארענדיג זעהט ער א שיף און אויף דעם שטייט א מענטש מיט א גרויסע מאשין גאן און ציהלט אריין אינעם גרויסן שיף...

ער רופט תיכף אן טשארלי...

טשארלי כאפט וואס דא גייט פאר...

ער רופט אן דעם קאפיטאן, אים ווארענען אז זיין לעבן הענגט אויף א האר. און ער זאל זיך שוין ראטעווען...

.

# קאפיטל 11

דזשים שלאפט זיך רואיג ער האט נישט קיין אנונג וואס די נאכט האט אלס מיטגעברענגט מיט זיך, ער ווייסט נישט וואסערע טאג עס ווארט אים מארגן...

וויִ שטארק אן פב"א אגענט דארף נאר זיין איז נאך אלס זייער שווער פאר אים צו נעמען זיין קאלעגא און קאלט בלוטיג דערמארדן, טרערן זענען גערינען פון די אויגן ווען די באפעל איז ארויס פון די קאפיטאנ'ס מויל אז ער זאל זיך גרייטן ווייל די פב"א מאכט זיך נישט וויסענדיג, און ביז דריי סקונדעס זאל ער זיך נעמען צו די מלאכה.

די קאפיטאנ'ס טעלעפאון צוקלינגט זיך ווען די זייגער האט געוויזן אויף. 4 :44 :47 איין פראבלעם,ביידע הענט זענען אים פארנומען, ער קען נישט אויפהייבן, ער לאזט עס קלינגען ער קען יעצט נישט אויפהייבן ער שטייט גראד מיטן קאפ ארויף און מיט א שטאלץ געט ער ארויס די באפעל : פאנג אן שניידן...

דער אגענט רירט זיך נישט.

איך וויל נישט איבער זאגן.

פאנג אן צו שניידן.

אבער דער אגענט רירט זיך נישט...

דער קאפיטאן טראכט נישט קיין צוויי...

ער דרייט אויס די גאן צום אגענט וואס שטיט אנטקעגן אים...

ער שלעפט די צינגעל און...

בום...

א קויל וואס איז געקומען צו פליען גראד פונעם פענסטער אריין און זיין גענאק האט אים פארמאכט דאס פיסק, ביידע הענט זענען אים אנידערגעפאלן די גאנס זענען ארויסגעפלויגן.

און ער איז אנידער געפאלן א טויטער.

די פב"א אגענט האט פראבירט צו קוקן פון ווי די קויל קומט אבער ער האט גארנישט געזעהן א-חוץ א קליינע פינטעל און וואסער וואס ווערט גרעסער און גרעסער, נאך צוויי מינוט האט ער באקומען א טעלעפאון קאלל פון זיין בעה"ב לואיס אז ער האט נישט וואס מורא צו האבן ווייל ער איז געווען דער וואס האט געשאסן און ער איז אויפן וועג צו די שיף.

טשארלי זעהנדיג אז דער קאפיטאן הייבט נישט אויף האט ער פארשטאנען אז ער איז א פארטיגער, אבער ער האט געקלערט צו זיך, וואס גייט מיך דאס אן? ווי לאנג מיין סחורה ליגט ביי מיר און די פב"א האט נישט קיין טרעק דעראויף שטערט מיך נישט זיין טויט.

איין זאך אבער האט זיך טשארלי געשווירן, דזשים איז היינט א פארטיגער!!!

נאכדעם וואס ער האט דא אנגעווערטשאפט איז ער נישט ווערט צו אטעמען די פרייע ליפט.

ער רופט אן מייק און זאגט אים אז ווי נאר די זאכן זענען סיקיורט און די סחורה ליגט אויף א סעיף פלאץ וויל ער אז ער זאל אראפווישן דזשים...

מייק אפערט אים נאך מער. איך וועל דיר אים ברענגן לעבערדיגערהייט.!!!

און די וועסט קענען טוהן מיט אים וואס די ווילסט.!! גאאר גוט צושמייכלט זיך טשארלי, אבער נאך א מינוט כאפט ער זיך אז אייגענטליך ניין, ער דארף נישט קיין קאפ וויי אראפ מיט אים און פארטיג נישט קיין קידנעפינג.

אקעי זאגט מייק.

לואיס קומט אן אויפן שיף, די ערשטע זאך וואקט ער צום קאפיטאן, טאפט אים אויס אלע טאשן, נעמט ארויס זיין סעל פאון און זעהט אז א מינוט פארן שאס האט דער קאפיטאן באקומען א קאלל פון איינעם, לואיס פרעגט זיינע אגענטן צו ער האט אויפגעהויבן די קאלל זאגן זיי ניין ער האט נישט געקענט ווייל זיינעביידע הענט זענען צוגעשמאלצן צו די גאנס.

לואיס ווערט אומרואיג. ווער האט אים געקענט זיכן און די מינוטען? דער וואס האט אים געגעבן די עצה פון פארכאפן און הארגענען זיינע אגענטען דער האט דאך געוויסט אז ער גייט נישט קענען אויפהייבן נו אויב אזוי ווער נאך האט דא געוויסט וואס טוט זיך? מיינט דאס אז נאך אן אינפראמאטער דרייט זיך ארום ביי מיר און אפיס און יענער האט פראבירט צו ראטעווען די קאפיטאנס לעבן ווייל ער האט געוויסט אז מיר האבן זיך ארויסגעלאזט אים שיסן?

ווער קען דאס זיין?

די געדאנק האט זייער באומרואיגט לואיס, דאס מיינט אז ער דארף זיך ווייטער היטן און דערגיין ווער נאך ארבעט דא פאר די טעראריסטן.

ער נעמט די טעלעפאון נאמבער פונעם ריפער, ער רופט אן קיין וואשינגטאן און בעט אז זיי זאלן מאכן א טרעס און זעהן צו וועם די טעלעפאון נאמבער געהערט, און דערנאך זאלן זיי טשעקן אויף יענע טעלעפאון נאמבער ווער ס'האט אריין גערופן און יענע פאר מינוט, און אויב זעהן זיי א קאלל פון א צווייטן זאלן זיי טשעקן אויף יענס אויך צו יענער האט באקומען א קאלל.

נאך אפאר מינוט איז געקומען די תירוץ פון וואשינגטאן אז דער קאפיטאן האט באקומען א קאלל פון איינעם טשארלי.

טשארלי האט באקומען א קאלל ממש א מינוט פארדעם פון איינעם ביל, אבער ביל האט נישט באקומען קיין שום קאלל, און נאך מער, ווען ביל האט גערופן איז זיין לאקאציע געווען און וואסער.

אהא. כאפט לואיס, ביל איז דער וואס האט געהאט די סחורה און ער איז דורך געפארן און וואסער און אונז באמערקט איז ער געגאנגען רופן זיין בעה"ב טשארלי. יעצט שטומט עס!

נאך אזאך וואס לואיס האט פון דעם ארויסגענומען איז אז ביל איז געפארן מיטן שיף צו די ריכטונג פון דאון טאון ברוקלין.

וואס די טארגעט איז ווייסט ער נישט אבער די ריכטונג זעהט ער.

דזשים שטייט אויף אינדערפרי, די ערשטע זאך זעהט ער אז ער האט א ווייס מעיל אויף זיין פאון.

היי דזשים דאס איז לואיס, און און קורצען לייגט ער אים אראפ וואס דא איז פארגעקומען די נאכט, ס'האט זייער געבאדערט פאר דזשים אז די פב"א האט פרלוירן איינע פון זייערע אגענטען , אבער נאכן הערן די גאנצע זאך האט ער זיך געפריידט אז ס'וואלט געקענט זיין סאך ערגער.

און יעצט דזשים הערט זיך ווייטער די מעסעדזש, דיין לעבן איז און געפאר!

זיי דארפן דיך מער נישט, זיי האבן/וועלן אריין שווערצן די זאכן אן דיין הילפ, די ביסט יעצט ביי זיי א שטער און זיי גייען דיך אראפ רוקן, אונז גיימיר דיך צושטעלן פיר און צוואנציג שעה שיץ, אבער זיי זענען זייער געפארפולע חברה, די דארפסט דיך היטן ווי אימער דו גייסט, טראכט נישט צוויי מאל פארן אונז רופן פאר הילפ, א גוטן טאג/נאכט. ביי.

דזשים איז אינגאנצען פארלוירן.

ער ציטערט פון זיין אייגענעם שאטן.

ס'דאכט זיך אים אז ער הערט עפעס און זיין בעק יארד... ער קוקט ארויס פון די שפאלטענס און זעהט אז עפעס שאקלט זיך...

ער ציטערט ווייטער צו גיין...

אזוי קלאצענדיג זעהט ער אז ס'איז א פשוטער בוים, און זיין דמיון האט אים פארטראגן...

ער מאכט אפ ביי זיך אז ער גייט זיך שטארקן, ער לייגט זיך ארויף אויפן באשעפער, וואס ער וועט טון אזוי וועט זיין, פארשטייט זיך אז ער פון זיין זייט וועט פראבירן דאס מערסטע אבער די פחדים און שרעק דאס וועט ער נישט לאזן אים איבערנעמען, ער שטעלט זיך דאווענען שחרית, ער שפירט אז די היינטיגע שחרית רעדט צו אים זייער שטארק, ער ווינט זיך גוט אויס.

און אזוי האט ער זיך געגרייט צו גיין צו דזשאב, ער וואקט ארויס פון שטיב, פארשטייט זיך אז זיינע אויגן זענען אפען פאר יעדע מינדעסטע פארדעכטיגטע זאך, ווי נאר ער קומט אן צו די עק פון די בלאק געט זיך א קאר א ווילדע שטעל אפ...

.

דזשים זעהט אז דאס איז פון די פב"א, די דרייווער זאגט אים אז ער ווייסט נישט ווי גוט ס'איז אז ער זאל וואקן היינט, ער וועט אים נעמען מיט די קאר.

דזשים איז טאקע אנגעקומען בשלום און דזשאב.

זיין קאפ איז נישט געווען ביי די ארבעט, יעדע פרעמדע מענטש וואס האט אריין געוואקט האט דזשין אים באטראכט מיט א פארגרעסערינג גלאז.

דזשים האט אליין נישט געוויסט ווי גוט זיין אינסטינקט פירט אים...

ראמאן האט געוויסט צו זאגן אז צופרי איז די גאסן די מערסטע פיל, און טאקע צווישן 8 און ניינע צופרי האט זיך געטוהן א בהלה אויף לי עווע. ער איז ארויס פון די קאר און זיכער געמאכט אז ער זעהט אויס גוט, ער וואקט צו צו א איד און זאגט אים מיט א טיפע מיטל מזרח אקצענט, צדקה.

די איד געט א בליק אויף אים, לייגט אריין די הענט און טאש און דערלאנגט אים א דאללאר.

ראמאן נישט וויסענדיג פונקטלעך וואס מ'זאגט צוריק האט ער געשאקלט מיטן קאפ און געשמייכלט.

אבער נאך ווי געשמייכלט.

אזוי איז ער געגאנגען צו אפאר אידן און אלע האבן שיין אויסגשטרעקט דאללארס, א נחת.

אוי גייט טשארלי זיין פריילין טראכט ער צו זיך, און נעבעך פאר די אידן, ווען זיי זאלן וויסן וואס ס'ווארט זיי וואלטן זיי קיין דאללערס נישט געטיילט.!

ביל רופט אן טשארלי און זאגט אים אז ער איז שוין כמעט און די געגענט צו ער קען אים געבן די פינקטלעכי אדרעס ווי אראפ צולייגן די סחורה, טשארלי זאגט אים די אדרעסס און

גיבט אים אן אז דארט וועט ער טרעפן איינעם מיטן נאמען ראמאן, ער זאל אים איבערגעבן די סחורה.

נאך א פיפצען מינוט רופט ביל צוריק אינגאנצען צומישט, ער איז ביי די אנגעגעבענע אדרעס, ער זעהט א ווער הויז און א איד זיצט אינעווייניג, טשארלי ביסטו זיכער אז דאס איז די פלאץ פרעגט ביל? פאר א מינוט האט זיך טשארלי אויך פארלוירן און פרעגט ביל ווי אזוי די איד זעהט אויס, נאך א מינוט כאפט זיך טשארלי אז דאס איז אייגענטליך ראמאן נאר פארשטעלטערהייט, ער צולאכט זיך און זאגט אים אז ער קען אים עס איבער געבן, די ביסט אויפן ריכטיגן פלאץ!

נאך א זאך לייגט טשארלי צו, ווען די ביסט פארטיג מיט דעם, פארבינד דיך מיט מייק, עטץ דארפסט היינט אויספירן און אראפווישן דזשים, איך וויל אים נישט האבן אויף דעם עולם בשעת ווען די אקציע קומט פאר, נישט קיין פראבלעם, דיי ווייסט דאך אז צווישן מיר און מייק וועט ער קיין לעבעדיגער נישט ארויסגיין!

אבער זאגט טשארלי, איין זאך מ'דארף זיך היטן ווייל די פב"א ווייסן פון אים און זיי האבן אים צוגעשטעלט ציר און צוואנציג שעה שיץ.

נישט קיין פראבלעם זאגט ביל, איך וועל אפשמיסען מיט מייק, די בעסטע פלאן וואס האט זיך נאך אייביג ארויס געשטעלט צו ארבעטן איז ווען מ'ווישט איינעם אראפ גראד ווען ער וואקט ארויס פון בילדינג, נאך פאר ער האט די אפציע זיך אריין צוזעצן אינעם קאר.

נישט קיין חילוק זאגט טשארלי, שמועס אפ מיט מייק און טוה ווי אזוי די פארשטייסט, נאר איין זאך ביינאכט זאל ער שוין נישט דא זיין.

מיין עהרן ווארט זאגט ביל.

אקעי, איך לייג מיך צו פאר א שעה צוויי, רוף מיך ווען די אקציע פאנגט זיך אן, איך וויל ער מיטהאלטן.

נישט קיין פראבלעם.

ביל רופט אן מייק, אבער מייק הייבט נשיט אויף לכאורה איז ער אויך געגאנגען שלאפן.

ביל לייגט זיך אויך צו פאר א פאר שעה.

נאך אפאר שעה רופט ער אן מייק, מייק הייבט אויף האלב פארשלאפן, ביל זאגט אים אז מ'דארף צוגרייטן די אקציע, זיי שמיסען זיך אפ צו טרעפן און א דערנעבענדיגע קאפע שאפ, אבער ברענג מיט דיינע געצייג זאגט מייק פאר ביל, זיכער ברענג איך און די ברענג אויך, אקעי' עמער זיך טרעפן ביז פיפצען מינוט.

ביידע זיצן צוזאמען און ארבעטן איבער די פלאן, די פלאן לויטעט ווי פאלגאנד, ביל גייט זיך אריין כאפן און בילדינג פארשטעלטערהייט, ווי נאר דזשים גייט זיך אויפהייבן און זיך גרייטן צו גיין גייען זיי דאך וויסן פונעם סעקרעטאר, ווען דזשים גייט אריין גיין אינעם עלעוועיטאר גייט ביל אויך אריין גיין אינעם זעלבן עלעוועיטאר אפאר שטאקן אראפציער.

ווען דזשים גייט ארויס וואקן פון בילדינג גייט מייק ארויסשיסען די קויל פון א ווייטע דיסטענטס און גלייך אנטלויפן, אויב די קויל געלונגט נישט דעמאלטס גייט ביל זיין דער וואס גייט דאס דארפן ענדיגן, אבער לכתחילה איז בעסער אז די קויל זאל קומען פון דערווייטנס וויל דעמאלטס איז שווערער עס נאכצוגיין.

אקעי, מ'דארף זיך גרייט מאכן.

פיין רוף אן טשארלי מיט די פלענער, גוט.

דזשים זיצט און אפיס זייער נערוועז, זיין געוויסן זאגט אים אז עפעס א פלאן וועבט זיך אינטער זיין ריקן. ער באטראכט די קוקער און ער זעהט ווי א פרעמדע פנים וואקט אריין, ער ווייסט נישט פארוואס אבער ער פאנגט אן צו ציטערן, ס'איז אים זייער הייס געווארן, ס'איז נישט די ערשטע פרעמדער וואס וואקט דא אריין אבער די מענטשעס אויגן געפעלט אים נישט...

ער שיקט א מעסעדזש פאר לואיס אז ער וויל גיין פון ער שפירט ווי עפעס טויג נישט.

לואיס זאגט אים אז ער האט אים נארוואס געוואלט רופן זאגן אז ער זאל נישט היינט ארויס גיין פון די געהעריגע טיר ווייל די אגענט וואס באוואכט די בילדינג האט אויפגעפאסט אז איינער האט גענומען א פאזיציע אנטקעגן די טיר און ער זעהט אויס זייער פארדעכטיגט...

אבער ער האט קיינעם נישט געזעהן פארדעכטיגט אריין גיין און די בילדינג.

אבער לייגט לואיס צו, איך ווייס נישט וואס זיי זענען אויסן צו טוהן סא איך ראט דיר צו פארלאזן דאס אפיס יעצט!

איך בין אויף מיין פאזיציע גרייט צו נעמען שריט ווען ס'פעלט זיך אויס האט מייק אריין געמורמעלט און די קליינע מאשינקע וואס איז באהאפטען צו זיין ארבעל, גוט, ווי נאר ער וואקט ארויס פון דעם בילדינג רוים אים אראפ פון וועג און לאז וויסן ווען די דזשאב איז אוועד ווייל ס'ווארט אונז נאך א לאנגע נאכט, אקעי קאפי, מורמעלט מייק צוריק צו זיין אויבערהאר טשארלי.

מייק'ס אויגן זענען באהאפטען צום קליינעם קוקער וואס ליגט אויפן רעוואלווער, ער מאכט זיכער נישט אראפצונעמען קיין אויג און נישט פארפאסען די געלעגענהייט.

דזשים זיצט ביי זיך און אפיס און זיין וויסטען חלום קלערט ער נישט וואס דא ווארט אים אפ, די טאג איז היפש פארוואלקענט, די זין נויגט זיך שוין צו מערב זייט און ער גרייט זיך צו פארלאזן זיין אפיס, ער פאקט צוזאם זיינע פאפירן ער לעשט אויס דעם קאמפיוטער ער גריסט א גוטע נאכט פאר זיין סעקרעטאר און מיט א ווינדער פרעגט ער, ביסט נאך דא אזוי שפעט? וואס איז היינט געשעהן?

גארנישט אויסערגעווענליך, אפאר קליניקייטן צו ערלעדיגן און איך גיי אויך שוין,אקעי, פארמאך די לייטס ווען די גייסט ארויס,אקעי,גוטע נאכט.

ווי נאר דזשים האט פארלאזט די אפיס ווענדענדיג זיינע טריט צום עלעוועיטאר, האט זיך מייק'ס טעלעפאון צוקלינגען, א טעקסט מעסעדזש ליינט זיך ווי פאלגאנד : "טארגעט איז אן די וועי".די עלעוועיטער טיר עפענט זיך, דזשים וואקט אריין, נישט וויסענדיג אז דאס איז גאר מעגליך זיינע לעצטע פאר מינוטען פון זיין לעבן...

און א בילדינג דערנעבען שטייען צוויי פאר אויגן און קוקן אראפ אויפ'ן גאס, מייק ווייסט נישט אז יעדע ריר ווערט אפגעכאפט און ער איז פיר און צוואנציג שעה אונטער אויפזיכט...

לואיס זאגט פאר דזשים אז ער זאל אראפ פארן מיט די עלעוועיטאר און ווענדן זיינע טריט צום פארקינג לאט און די בעק, און דארט וועט אים א געפאנצערטע קאר אפווארטן.

דזשים גייט אריין און עלעוועיטאר, און ווי איר האט פריער געליינט איז טאקע די מעסעדזש ארויסגעפארן. אבער וואס לואיס האט נישט געכאפט איז אז דזשים איז פארכאפט און א טרעפ ווייל די טעראריסטן האבן איינעם און בילדינג...

דזשים פארט אראפ און ביי די פערטע שטאק שטעלט זיך די עלעוועיטאר אפ...

ס'ווערט שווארץ פאר דזשים...

אט די פארדעכטיגטע פארשוין וואס האט אים אזוי דערשראקן אט ער שטייט יעצט דא מיט אים און די עלעוועיטאר...

דזשים איז פארזיכערט אז זיינע סקונדעס זענען געציילטע...

דזשים באמערקט יעצט אז ער האט פארגעסן צו דריקן די ערשטע שטאק און די עלעוועיטאר האט זיך אפגעשטעלט ווארטענדיג איינער זאל אים זאגן ווי ווייטער צו פארן.

דזשים כאפט זיך אז ער קען יעצט נישט דריקן פאר די פארקינג לאט שטאק ווייל אויב יא גייט די טעראריסט גראד כאפן זיין פלאן... וואס טוט מען דא...

ער שטייט פארפרוירן...

ביל קוקט נישט און דזשים'ס ריכטונג ער שפירט אבער אז די ליפט איז זייער אנגעצויגן...

ער געט א פרעג דזשים, וועלכע שטאק גייט איר...?

דזשים באמערקט די קליינע גאן וואס ליגט אויף זיין הויזן...

דזשים שטייט פארגליווערט...

# קאפיטל 12.

דזשים זעהנדיג זיין מצב האט ער זיך גענומען מורמלען א הייסע תפילה צום באשעפער. זוידיגע טרערן האבן זיך גענומען רינען...

ער דערמאנט זיך פון זיין ווייב. ער טראכט צו זיך. איז דאס מיינע לעצטע מינוטן פון מיין לעבן? זאל איך אנפאנגען יעצט שמע ישראל. בין איך טאקע פארטיג? גיי איך דא שטארבן ווי א הינט אן זיך געזעגענען פון מיין פאמיליע און פריינד? ניין! איך גיי מיך נישט לאזן!!

דזשים דריקט די הילפס רוף קנעפל וואס ער האט אויף זיך פון די פב"א, ער דריקט דאס דריי מאל ווי אנצודייטן אז ער איז און א באלדיגע סכנה.!! און דערנאך געט ער זיך א שטעל אפ פאר בילס פנים און קוקט אים אריין און די אויגן און פרעגט אים: וואס ווילסטו פון מיר? ווילסט מיך טאקע דא הארגענען און די עלעוועיטאר? פארוואס, וואס האב איך דיר געטוהן?

לואיס באקומט די דריי ביפס פון דזשים, ער פארשטייט אז דזשים איז און א געפערליכע באלדיגע סכנה.

ער שפיצט אן זיין אויער און אט הערט ער ווי דזשים וויינט און בעט זיך פאר זיין לעבן... און צווישן די ווערטער ווארפט דזשים אריין אז ער איז און די עלעוועיטאר...!!!!

לואיס טראכט נישט קיין צוויי און זעצט זיך אריין אין זיין קאר.

אויפן וועג רופט ער אריין הילף צוויי פון זיינע אגענטן זאלן שוין קומען צו פארן ראטעווען דזשים.

די אגענט וואס איז און די בילדינג הייסט ער אפלאזן זיין פאזיציע און לויפן צום עלעוועיטאר און זיך פרובירן אריין צו כאפן דארט.

אבער זאגט אים לואיס אן. געב אבאכט וואס די טוהסט ווייל די טעראריסט איז א געלערענטע חברה מאן.

און...

איך דארףביידע פון זיי לעבעדיג...

ביל האט געכאפט וואס דזשים האט יעצט דא געטוהן, און אייגענטליך ארויס געגעבן זייער לאקעשאן, ער האט געוויסט אז ער האט צוויי מינוט צו האנדלען...

ער שלעפט ארויס א קליין באטעל מעיס. ער באשפריצט דזשים... דזשים פארלירט זיין זעה קראפט. זיין אויגן נעמען זיך ציפן... ער נעמט זיך שרייען...

ביל גיט א שטעך אריין א נאדל און דזשים...

דזשים פאלט אראפ האלב באוויסט לאז...

פלינקערהייט שפרינגט ביל ארויף צום דאך. און שפרינגט ארויס פונעם עלעוועיטאר...

די אגענט האט באקומען די באפעל פון זיין אפיציר, ער לויפט אראפ זעהן ווי די עלעוועיטאר שטייט. ער נעמט די שטיגען ארויף צום צווייטען שטאק...

לויפענדיג שרייט לואיס אז ער זאל צויאגן ווייל ס'איז צרות... איך הער קולות. גיי!!!!.

האלט דיין גאן גרייט אבער לויפ...

גיי!!!. שנעל.!!

די קולות ווערן שטילער...

לויף...

די אגענט קומט אן צום צווייטען שטאק, ער לויפט צום עלעוועיטאר, און זעהט אז די טיר איז אפען. די חברה מאן איז שוין נישטא...

נעם ארום די בילדינג שרייט די אגענט מיט קולות. די מערדער איז שוין נישט און די עלעוועיטאר...

אויך דארף איך א מעדיק פאר א קאוד 1 דער וויקטים איז פארחלישט...

לואיס איז שוין אנגעקומען זיינע צוויי חברה זענען שוין אויך דארט ער הייסט זיי שטיין בייביידע אריינגענג, קיינער וואקט נישט ארויס פון דעם בילדינג זאגט לואיס אן.!!

לואיס גייט ארום און די בילדינג זיכן דע מערדער.

דערווייל האט די אגענט אינעם עלעוועיטאר פראבירט צו ראטעווען דזשים...

לואיס האט אריינגערופן א העליקאפטער פאר דזשים.

ווי נאר די מעדיקס זענען אנגעקומען האבן זיי באשטעטיגט אז די מצב איז קריטיש אבער מ'קען עס נאך ראטעווען.

זיי גייען אים אריין פירן און שפיטאל און האפן אז מ'גייט קענען עפעס טוהן...

איך וויל אז צוויי אגענטן זאלן מיטפארן און היטן אויף אים די גאנצע צייט. מאך זיכער אז די בעסטע דאקטורים גייען ארבעטן אויף אים. איך דארף אים געזינט און פריש געט לואיס צו.

קיינער זאל נישט האבן קיין צוטריט צו אים אן מיין רשות.

ביל וואקט ארויס פון עלעוועיטאר, ער איז נאכ נישט פארטיג, ווי אזוי זעה איך מיך ארויס פון דא?

ער רופט אן מייק און דערציילט אים אז ער האט זיך אנגעשטאלפערט מיט פראבלעמ'ן סא ער האט געמיזט לייגן שלאפן דזשים אויף א צווייטע וועג.

אבער איין פראבלעם האט ער אז ער איז פארכאפט און די בילדינג, און ער מיינט אז פבי"א איז אויפן וועג, אויב גייען זיי ארומנעמען די בילדינג איז ער אויף צרות.

לאמיך זעהן צו איינער היט די טיר זאגט מייק.

מייק גייט אוועק פון זיין פאזיציע, ער באהאלט זיין גאן און אזוי מיטן גרעסטן מאס תמימות וואקט ער אדורך די בילדינג, פארן בילדינג זעהט ער שוין צוויי אפיציעלע קארן געפארקט ווילד אויפן סייד וואלק.

ער רופט צוריק ביל און זאגט אים אז די חברה זענען שוין דארט, ער זאל זיך היטן.

ביל זאגט אים ס'איז גוט, איך וועל מיך שוין ארויס זעהן פון דא...

ביל לויפט אריין און די דערנעבענדיגע פאבליק בית הכסא, ער טוישט זיין פנים אביסעל.

ער כאפט א ראלל טישאס ער צינדט עס אינטער...

די פלאץ נעמט זיך רייכערן...

די סמאוק אלארעם צינד זיך אן. די ספרינקלער נעמט זיך שפריצן...

ס'ווערט א בהלה...

מענטשען נעמען זיך לויפן, ס'ווערט א פאניק...

ביז דריי מינוט איז דארט געווען פינעף פייער טראקס.

זיי האבן פארלאנגט אז יעדער זאל שוין פארלאזן די בילדינג...

לואיס כאפט אז דאס האט לכאורה די טעראריסט אנגעדרייט, ער גייט צו צום פייער טשיף און זאגט אים אז ער ארבעט פאר פב"א און ער פארלאנגט אז קיינער זאל נישט ארויס וואקן פונעם בילדינג...

די פייער טשיף זאגט אים אז ער קען דאס נישט נעמען און באטראכט, די געזעץ פארלאנגט אז יעדער מיז פארלאזן די בילדינג אויב איז דא א פייער.

לואיס איז אים מסביר אז ער ווייסט אז דאס איז א געזעץ אבער יעצט קען מען נישט! ער לאזט קיינעם נישט פארלאזן די בילדינג.!!

אויף דיין אחריות אז קיינער גייט נישט געשעדיגט ווערן דא.?

יא זאגט לואיס, דיינע מענטשען קענסטו אריין לאזן אויסטשעקן די בילדינג אבער דעטץ אלל.

קיינער וואקט נישט פון דא ארויס אן איי די! און דאס איז א ארדער!

אקעי זאגט אים די טשיף, שרייב מיר נאר אינטער אז דאס איז דיין אחריות.

אקעי דא האסטו מיין אינטערשריפט...

יעצט רוף אויס אז יעדער זאל צוריק אריין גיין צו זיך און צימער און דארט בלייבן ווי לאנג מ'הייסט.

ביל הערט ווי מ'רופט אויס אז יעדער זאל צוריק גיין...

ער דארף דא שנעל טראכטן.

ער רופט אן מייק און הייסט איםווארטן ביים פארקינג לאט אריין גאנג, מיט זיין קאר...

ביל לויפט צוריק אריין און בית הכסא, אוןווארט אויף א געלעגענהייט.

נאך א מינוט עפענט זיך די טיר און א פייער לעשער וואקט אריין ביל טאנצט ארויף אויף אים פון אינטען, ער טראסקעט אים אראפ, מיט איין זעץ לייגט ער אים אוועק באוויסטלאז.

ווען ער זעהט אז יענער קען זיך שוין נישט צוריק שלאגן, שלעפט ער אים אריין און א פארמאכטן טיר, ער טוט אים אויס זיינע קליידער און טוט זיך אן מיט די קליידער...

ער פאררעכט זיך דאס היטל, ס'איז ווייט נישט זיין סייז, אבער פאר יעצט וועט עס דינען.

אזוי שפילענדיג מיט די קליידער וואקט אריין נאך א פייער לעשער... ער זעהט וואס דא גייט פאר. ער לייגט זיין הענט אויף זיין רעדיא וועלענדיג אריין רופן הילפ. ביל געט א שריי. סטאפ.!!

לייג אראפ דיין הענט וויל אז נישט שיס איך דיר.!!!!

נישט האבענדיג קיין ברירה האט ער געפאלגט.

ביל זאגט אים די גייסט מיך יעצט ארויס טראגן פון דא.

אונז גיימער אראפוואקן ביז אונטען, אונז גיי מיר רעדן און שמועסן פון די פייער, און אזוי ארויס שפאצירן פון די בילדינג, ווען אונז גיי מער זיין אינדערויסן גייסטו ארויף שיינען מיט די פלעש לייט ווי כאילו די ווילסט מיר עפעס מסביר זיין און דעמאלטס וועל איך פארשווינדען ווערן...

אבער געדענק. דיין לעבן הענגט יעצט און דיינע הענט. אויב מאכסטו ער גוט זענען דיינע טשאנסען גוט, און אויב נישט. ביל ווייזט אים אויפן גאן.

איך וועל נישט טראכטן א רגע פארן עס ניצען...

די פייער לעשער זעהט מיט וועם ער האנדעלט, ער פאלגט ווי א טאטעלע, און וואקט ארויס פון ביה"כ ווי גאר נישט וואלט געווען, ביל וואקט אינטער אים. זיי שמוסען מיט א געמאכטע געמיטלעכקייט.

לואיס גייט ארום די בילדינג, ער קומט אן צו די ביה"כ, ער וואקט אריין. און ער זעהט וואס דא גייט פאר...

ער נעמט זיך שרייען מיט אומבאנומענע קולות.

ער לויפט ארויס, און לויפט צו צום טשיף און זאגט אים אז ער זאל שוין צאמנעמען זיינע מענטשען און זיכער מאכן אז יעדער איז דא.

די טשיף רופט אויס אז יעדער זאל זיך צוזאמקומען און די מעין לאבי ווייל מ'דארף מאכן א ריקאונט.

דערווייל שרייט לואיס אריין צו זיינע אגענטן.

חברה. די טעראריסט האט זיך פארשטעלט ווי א פייער פייטער...

לאזט קיינעם נישט ארויס...

ביל קומט אן צום טיר, ער שפאצירט ארויס מיט זיין נייעם חבר, ווי נאר ער טרעט איבער די שוועל פון די טיר הערט ער ווי די טשיף פארלאנגט אז יעדער זאל קומען צו די לאבי פאר א ריקאונט. ביל כאפט אז ס'מיינט אים. ער גיט א לויף פאראויס...

מייק זיצט שוין און די קאר ביל שפרינגט אריין. מייק'ס קאר גיט א קוויטש און פארט אפ...

די אגענט ביי די טיר האט זיך גלייך געכאפט אז ער האט יעצט פארפאסט דעם פישל. ער רופט אן לואיס אז די זאך איז פארטיג. די טעראריסט איז מער נישט און די בילדינג...

מייק און לואיס האבן א זיגרייכן שמייכעל. שוין לאנג נישט אזוי גוט צוגעפאכעט די פב״א.

און זיי ווייסן נישט וואס ס׳ווארט זיי נאך...

לואיס זעהט אז דא איז נישט אזוי פשוט ווי ער האט געמיינט, די לעצטע פאר מאל האבן די טעראריסטן אייביג זיכער געמאכט אנצווערטשאפטן וואס זיי האבן געוואלט אן האבן די מעגליכקייט זיי צו כאפן.

פארשעמטערהייט רופט ער אן קיין וואשינגטאן און דערציילט זיי איבער וואס די רעדע איז, און ער שפירט אז ער פארלירט קאנטראל אויף די זאך.

קודם די ערשטע זאך זאגט אים זיין אויבערהאר וויל איך אז דזשים זאל ארויס גיין פון דעם שפיטאל, איך וויל אז ער זאל אהער קומען דא און מיר וועלן צושטעלן די בעסטע דאקטער פאר אים אבער דארט און די סיטי קען ער נישט בלייבן, גרייט אים צו פאר די טרענספער, ער און זיין ווייב.

און איך וויל דיר אויך שיקן פון דא צוויי פון מיינע גוטע חברה, זיי קומען פון די מיליטער, זיי פלעגן ארבעטן פאר די נעווי סיעלס און יעצט ארבעטן זיי פאר מיר.

די חברה זענען גאאר גוט, זייער געפארפול אבער זיי האבן נישט מורא פונעם טויט, איך שיק זיי היינט ארויס, זיי וועלן דארט זיין ביז א שעה צוויי, איך וועל זיי איבערגעבן די סיטאציע, ווי נאר זיי קומען אן געב זיי איבער די זאך און איך האף אז זיי וועלן כאפן און צושטערן די אטאקע.

פארשעמטערהייט האט לואיס מסכים געווען.

לואיס זעצט זיך אריין און די קאר און פארט אריבער צום שפיטאל זיכער מאכן אז מ׳גרייט אן דזשים אז ער זאל קענען פארן קיין וואשינגטאן.

ביל רופט אן טשארלי און דערציילט אים אלעס וואס איז דורך.

טשארלי ווערט זייער בייז...

פארוואס האסטו געלאזט דזשים לעבן? איך האב געזאגט הארגענען.!!

ביל פראבירט מסביר צו זיין אז ער האט אים אריין געשטאכן א סם, און ער האט נישט געוויסט אז דזשים גייט אזוי שנעל אנקומען און שפיטאל.

ער האט געמיינט אז דזשים גייט נאך דארט ליגן פאר צעהן מינוט וואס דעמאלטס וואלט ער עס נישט געמאכט.

איך וויל נישט הערן פון גארנישט שרייט טשארלי, גיי יעצט אריבער און שפיטאל און פארטיג עס צו...

אבער מאך עס שנעל ווייל אונז לויפ מיר אויס פון צייט. מארגען צופרי הייבט זיך די פליגער און אונז דארף מיר שוין האלטן נאך די אטאקע...

אקעי זאגט ביל, איך בין דא מיט מייק איך פאר יעצט איינקויפן שפיטאל קליידער און איך גיי אהין...

דזשים ליגט און שפיטאל אין א פריוואטן רום אויף די ערשטע פלאר ער איז נאך אלס פארשלאפט אבער די דאקטוירעם זענען זייער אפטעמיסטיש אז ער גייט זיין גוט, זיי ווייסן נישט ווער דער דזשים איז אבער אזויפיל זעהן זיי אז ער האט שמירה די גאנצע צייט, צוויי לייב וועכטער פון די פב"א שטייען ביים טיר און לאזן קיינעם נישט אריין חוץ דאקטוירעם און נערסעס די טיר איז אגאנצען צייט פארמאכט, זיי ווייסן אז ס'איז דא א ארדער פון די פב"א אז אים דארף מען היטן ווי די שווארץ אפעל פונעם אויג.

קיינער פון די שפיטאל באאמטע האבן נישט אויפגעפאסט אויף די נורס וואס דרייט זיך ארום די לעצטע פאר מינוט און וואקט דורך דזשימ'ס רום אהין און צוריק...

קיינער האט נישט פארדעכטיגט אז ער איז עפעס נישט קיין געהעריגע נורס...

ביל זעהט אז פונעם טיר וועט ער נישט קענען אריין גיין.

די איינציגסטע וועג אריין וועט מיזן זיין פון די דאך...

גראד נעבן דזשימ'ס רום איז געוועהן די רום ווי ס'ליגט אלע האנטוכער און לאלעכער, ביל גייט דארט אריין, פארמאכט די טיר אינטער זיך...

עפענט אויף די דראפ סיעלינג... און מיט איין שפרינג איז ער אויבן. ער פארמאכט צוריק די דאך. און נעמט זיך קריכן צי דזשימ'ס רום...

לואיס, פארק'ט זיין קאר און די שפיטאל פארקינג לאט, און גייט צו צום דעסק פרעגן ווי דזשימ'ס רום איז...

די העליקאפטער וואס גייט טראגן דזשים איז שוין אנגעגרייט אויפן דאך פונעם שפיטאל...

# קאפיטל 13

שטייענדיג ביים דעסק באקומט לואיס א טעלעפאון קאלל, אויף די אנדערע זייט זענען געוועהן די צוויי אגענטען וואס זענען געשיקט געווארן פון וואשינגטאן, זיי ווילן וויסן ווי לואיס איז און ווי זיי קענען זיך טרעפן מיט אים.

לואיס זאגט זיי אז ער געפינט זיך און שפיטאל און ס'איז טאקע גוט אז זיי זאלן אריבער קומען זעהן די העלד דזשים פון דער נאנט פאר מ'פירט אים אפ קיין וואשינגטאן.

אקעי מיר קומען אריבער.

ביל קרוכט ווייטער...

אט האלט ער שוין העכער דזשימ'ס רום...

ער עפענט די דאך און זעהט אז. יא. דא ליגט דזשים. ער לאזט זיך אראפ צו דזשימ'ס בעט... ער בליקט אויף דזשים און ציט ארויס זיין גאן...

לואיס שפאצירט צו צום רום, שטייענדיג ביי די טיר הערט ער א קראך...

---

די צוויי אגענטן, מיר וועלן זיי רופן אגענט A און B (נעמען געהיטן צוליב סעקיורעטי אישאס) זעצן זיך אריין און די קאר,ביידע זענען גוט אויפגעלייגט, זיי זענען שוין לאנג און די גיסטע פון אביסעל פאן, אבער ס'האט זיך גארנישט געמאכט לעצטענס, ענדליך גייען זיי יעצט זיך אביסעל אינדזשויען.

.

לואיס געט א וואק אריין און די רום. ביל איז אויסגעדרייט מיטן פנים צו אים און מיטן גאן אויף דזשים...

רור דיך נישט ווייטער און לייג אראפ דיין גאן אויב ווילסטו אז איך זאל אים נישט שיסן זאגט ביל...

לייג אראפ דיין גאן גאן אז נישט שיס איך דיר שרייט לואיס...

ליסטען, איך געב דיר איין צעהן סקונדעס, אויב לייגסטו נישט אראפ דיין גאן איז דזשים טויט!!!!

....

איינס.

צוויי...

נאך א ווארט און איך שיס...

נאך א ריר די געסט דיך און איך שיס...

פינעף...

זעקס...

אקעי...

לאמירביידע אראפלייגן די גאנס און לאמיר פארהאנדלען, זאגט לואיס פארלוירענערהייט...

אקעי געגאנגען...

איינס צוויי דריי אראפ...

ביידע האבן אראפגעווארפן די גאנס און געשטופט אינמיטן די פלאר.

יעצט.

וואס ווילסטו פון דזשים, פרעגט לואיס מיט א בעטעדיגע שטימע.

אזוי רעדענדיג געט ביל א שפרינג צו צום פענסטער...

און מיט א זעץ האקט ער דאס אויס און שפרינגט ארויס דערפון...

לואיס איז געשטאנען פאר א מינוט זייער פארטימעלט... אבער נאך א מינוט האט ער זיך געכאפט און געגעבן א כאפ זיין גאן און זיך גענומען שיסען און די ריכטונג פון ביל...

ער האט עספיעט צו שיסען ביל און די פיס און אים אומווארפן אויף דער ערד אבער און יענע מינוט איז א קויל געקומען צו פליען און צושפלעטערט זיין גאן...

די קויל איז געקומען פון א קאר געפארק'ט און די פארקינג לאט...

מייק זעהנדיג אז ס'נעמט שוין עפעס צו לאנג פאר ביל איז צוגעפארן נענטער צום שפיטאל, און פליצלינג זעהט ער ווי ביל טאנצט ארויס פון די פענסטער...

ער פארשטייט גראד אז ביל איז אויף צרות, און אט זעהט ער טאקע ווי די אפיציר פון פב"א שטייט און שיסט אויף זיין חבר...

ער האט פונקט געהאט א גוטן ספאט, איין זאך האט ער פראבירט צו אבאכט געבן און דאס איז נישט צו דעהארגענען לואיס, ער האט געוויסט אז אויב טוט ער דאס איז זיין לעבן א פארטיגער, אבער אזוי פיל יא, די גאן ארויס רוקן פון זיין הענט...

לואיס זעהט אז זיין הענט איז היפש פארווינדעט געווארן. ער קען זיין גאן שוין נישט ניצען...

מייק זעהט לואיס'ס פארלוירענקייט, ער טראכט צו זיך לאמיך יעצט אויסניצן זיין פארלוירענקייט, ער וואקט צו צום פענסטער מיט די גאן אויסגעשטרעקט און זאגט אים :.

הער זיך איין... איך ווייס אז די האסט נישט יעצט קיין גאן. איך קען דיר יעצט הארגענען, איך גיי עס נישט טון אבער בתנאי אז די האלטס מיך נישט צוריק פון הארגענען דזשים...

אויב זאגסטו איין קרום ווארט איז דיין און זיין לעבן פארטיג!!.

לואיס איז ביטער פארלוירן. ער קען זיך טאקע נישט קיין עצה געבן...

און נארמאלע אומשטענדן וואלט ער יעצט געוועהן און שפיטאל פאר זיין האנט, און דא שטייט ער טאקע און שפיטאל, אבער פארנט פון א מערדער און דער מערדער פארלאנגט נאך פון אים אז ער זאל אויטאראזירן דזשים'ס טויט, באשעפער ווי אזוי געב איך זיך א עצה...

דערוויל, מייק טראכט נישט קיין צוויי און נעמט זיך אריין קריכן אינעם פענסטער...

זייענדיג איינגעבויגן אריין צוקריכן האט לואיס געזען פאר א גוטע געלעגענהייט צו דערשטיקן מייק...

לואיס איז געווען מער א ברייט ביינערדיגער און מיט זיינע כחות וואלט ער געקענט אראפ האלטן מייק.

אבער לואיס האט אינטער געשאצט ווי שטארק זיין הענט איז פארווינדעט...

און ווי נאר ער האט זיך גענימען דריקן מייק האט ער געשפירט אז ביז אפאר סקונדעס גייט ער זיך פארלירן און מייק איבער נעמען די אויבערהאנט...

וואס דאס מיינט א זיכערע טויט פאר אים און פאר דזשים...

ער שפירט ווי זיינע כחות פארלאזן אים. מייק ראנגעלט זיך...

אט אט און ער איז א פארטיגער...

העעעללפפ....

אאפפסס... ער הייבט זיך אויף...

אוי... לואיס לאזט נאך... מייק קוועטשט...

נאך איין סקונדע און ס'איז פארטיג...

# קאפיטל 14

בום... א קויל וואס איז געקומען פון פארקינג לאט האט געפארטיגט מייק'ס לעבן...

די צוויי אגענטען קומען אן און שפיטאל פארן אריין אינעם פארקינג לאט, און זיי זעהן אז איינער ליגט אויפן פלאר אוןווארפט זיך פאר יסורים.

ער האט א גאן שאס און זיין פיס...

ביידע שפרינגען ארויס פון די קאר.

אינמיטן הערן זיי א הילפס רוף...

זיי קוקן ארויף צו די פענסטער און זעהן ווי לואיס שרייט פאר הילף...

אגענט A די בלייב מיט אים דא, איך לויף אהין זעהן וואס גייט פאר.

אגענט B שלעפט ארויס זיין גאן, און קלערט נישט קיין צוויי און שיסט אים אפ...

אגענט A כאפט אן ביל שלעפט אים אריין און שפיטאל אז מ'זאל באהאנדלען זיין פיס.

לואיס האט זיך אויסטערליש געפרייט צו זיי, ער האט זיי נישט געקעהט געניג אפדאנקען אויף דעם וואס זיי האבן געטוהן. די אגענטן האבן אבער געטענה'ט אז לואיס זאל זיך צויאגן מיט'ן טרענספערן דזשים ווייל מ'ווייסט קיינמאל נישט צו די סכנה איז שוין פארריבער.

הערשט נאכדעם וואס דזשים איז געווען פארזיכערטערהייט אויפן העליקאפטער, און די העליקאפטער האט זיך געהויבן אוועק צופארן, הערשט דעמאלטס האט לואיס זיך ערלויבט צו גיין באדאנדזשירן די הענט און זיך אראפ זעצן מיט זיינע נייע צוויי אגענטען און דורך שמוסען אלעס וואס איז ביז אהער געווען און ווי אזוי מ'גייט ווייטער.

לואיס האט זיך זייער געפרייט אז די דאקטער איז געקומען זאגן אז ביל'ס מצב איז נישט אזוי געפערליך און ביז אפאר שעה וועט ער קענען ארויס גיין פון שפיטאל, טאקע מיט א ווילטשעיר אבער נישט דאס האט געבאדערט פאר לואיס, לואיס האט די עיקר געוואלט איינשפארן ביל'ן און אים אויספרעגן און ארויספרעסן אינפארמאציע אויב ער ווייסט ווי די שיפמענט איז אנגעקומען.

נאך אפאר שעה האט טאקע די דאקטער ארויס געברענגט ביל, לואיס האט פארלאנגט אז מ'זאל אים קייטלען און אפפירן צו די הויפטקוואטיר פון די פב"א און אים איינזעצן און די צעל דארט, איך קום שוין נאך האט לואיס אריין געווארפן, איך פארטיג נאר צו מיט מיין זיצונג.

אבער מאך זיכער אז ער האט נישט קיין צוטריט אויף קיין שום וועג צו די דרויסענדע וועלט, ער טאר קיינעם נישט קאללן אדער סיי וואס...

טשארלי איז גאנץ אנגעצויגן ער האט שוין לאנג נישט געהערט פון זיינע צוויי באדי'ס, ער האט נישט ליב ווען זיי הייבן נישט אויף די פאון.

ער פראבירט אפאר מאל, ביל און דערנאך מייק, קיינער הייבט נישט אויף.

דאס איז נישט גוט...

ביל קומט אן אינעם פב"א הויפט קוואטיר, די אגענט שפארט אים איין און די קליינע צעל דארט.

טשארלי. דאס בין איך...

הער מיך אויס.

ביל איז יעצט אריינגעברענגט געווארן און א ווילטשעיר מ'האט אים איינגעשפארט און די קליינע תפיסה דא ביי אונז.

אה. זאגט טשארלי, איך בין אזוי פריילאך אז די קאלסט מיך איך האב דיך יעצט געוואלט רופן פרעגן צו די קענסט מיר געוויר ווערן ווי מיינע צוויי חברה זענען, איך האב פארלוירן קאנטאקט...

אקעי. רעד שטילער. איך מיין ס'איז צייט אראפ צונעמען מיין שלייער אלס סעקרעטאר און ארויס ראטעווען פון דא ביל און אנטלויפן מיט אים. וואס זאגסטו דערצו טשארלי?

יא, ס'איז נישטא קיין ברירה. איך האב געדארפט א מענטש דארט אינעווייניג אבער איך מיין אז יעצט פעלט עס מער נישט אויס, די זאך איז שוין מער ווייניגער אויפן ריכטיגן טרעק.

ווי לאנג זיי וועלן אונז כאפן וועט שוין צו שפעט.

שאך זיי נישט אינטער מורמעלט דער סעקרעטאר זיי האבן אריין געברענגט גאר שטארקע פרישע חברה, נאר דיר צו זאגן וואס איך מיין. זיי האבן דערהארגעט מייק...!!!

וואאאאססס????? מייק איז טויט???

פרעגט טשארלי כעס'יג...

יא, און ס'האט געפעלט א האר אז ביל זאל אויך זיין...

אקעי. דעמאלטס זעה אים ארויס און לאמיר אנפאנגען די אקציע... מיין טיימער לויפט אפ...

נישט קיין פראבלעם, איך וועל דיר צוריק רופן מיט א פלאן שפעטער.

זייער גוט, איך ווייס אז דיר פעלט נישט קיין פלענער, איך געדענק נאך ווי דיין פלאן האט אזוי געקלאפט נעכטען נאכט ביי די שיף. אוי איז דאס גוט געווען. דיין אפיציר האט זיך נעבעך איינגערעדט אז די העלפסט אים. הא הא. הא.

אקעי עמער רעדן שפעטער.

ביי.

# קאפיטל 15

די ' טאג סעקרעטאר' האט געגומען אויף זיך ארויס צוזעהן ביל פון דא, ער טראכט ווי אזוי ער וועט דאס קענען טוהן, ס'פאלט אים איין א פלאן.

ער וועט זיכער מאכן אז דער סעקרעטאר וואס דארף זיין ביינאכט זאל נישט אריין קומען היינט ביינאכט און ער וועט אים איבערנעמען, און שפעטער ביינאכט וועט ער אים ארויסראטעווען פון דא.

די בייטאג סעקרעטאר קלינגט אן לואיס און זאגט אים אז ער דארף אוועקגיין פאר א שעה.

ווי נאר ער האט ארויסגעוואקט פון בילדינג האט ער געוואנדען זיינע טריט צו די הויז פונעם ביינעאכט סעקרעטאר.

אנקומענדיג האט ער אים שיין אויפגענומען, און וואונדערט זיך וואס האט היינט אהער געברענגט זיין קאלעגע אינמיטן טאג.

נאך א מינוט שמוסען, שלעפט דער סעקרעטאר ארויס זיין גאן און הייסט זיין קאלעגע נעמען די טעלעפאון און פאלגן וואס ער וועט אים זאגן...

דער סעקרעטאר קוקט אים אן מיט אזאנע ווינדער בליקן. וואס איז געשעהן מיט דיר...?

איך וויל דיך נישט וויי טוהן. פאלג וואס איך הייס דיר וועט זיך די זאך ענדיגן און פרידען...

אבער איך בעט דיך. וואס ווילסטו פון מיר.?

און דא איז זיין ווייב וואס איז ביז יעצט געווען און די אינטערשטע חלק פון די הויז געקומען צו לויפן הערענדיג די קולות, און זעהנדיג וואס דא גייט פאר האט זי געמוטוגט איר מאן אז ער זאל זיך נישט לאזן...

אבער די קויל וואס איז געקומען צי פליען העכער איר קאפ האט איר געמאכט טוישן איר און זיין מיינונג.

ביידע האבן איינגעזען אז יעצט איז דאס ערנסטע ביזנעס...

ער נעמט די טעלעפאון און דער סעקרעטאר זאגט אים אז ער זאל אריין רופן "סיק" אז גייט היינט נישט קענען קומען זיין די נאכט סעקרעטאר ווייל ער שפירט זיך נישט גוט, און אז די בייטאג סעקרעטאר איז גרייט אים איבער צונעמען...

בעפארן מאכן די קאלל, האט ער זיכער געמאכט אז די פרוי'ס מויל איז פארבינ'דען אז זי זאל נישט קענען פארפירן...

און אזוי האלטענדיג די גאן ביי דער סעקרעטארס קאפ האט ער זיכער געמאכט אז ער פאלגט און זאגט נאך וואס ער האט אים פארגעשריבן.

לואיס האט זיך געווינדערט אויף זיין סעקרעטאר, ער איז גאנץ א געטרייע ארבעטער, ער געדענקט נישט ווען ער זאל אמאל אריין רופן "סיק", אבער א מענטש איז נאר א מענטש, יעדער קען זיך עפעס אמאל מאכן א סיבה אז ער זאל נישט קענען אריין קומען צו די ארבעט, לואיס האט זיך געפרייט אז ער האט געטראפן א שטעל פארטרעטער און אזוי דארף ער זיך נישט פלאגן מיטן זוכן איינעם.

לואיס האט אראפגעלייגט און אים באגריסט מיט א גוטן אווענט און פיל גוט.

ווי נאר ער האט אראפגעלייגט די טעלעפאון האט ער געפרעגט דעם סעקרעטאר צו יעצט איז ער שוין צופרידן, יא! אבער איך שפיר זייער שלעכט פאר דיר אז איך מיז ענדיגן יעצט דיין לעבן, איך קען מיך נישט ערלויבן אז די זאלסט גיין ווייטער דערציילן, איך האב א אקציע וואס דארף דורכגעפירט ווערן און איך קען מיך נישט ערלויבן קיין דורך פעלער.

ס'טוהט מיר זייער לייד, אבער איך מוז...

און אזוי רעדענדיג האט ער אים קאלטבלוטיג דערשאסן צום טויט. און דערנאך זיך אויסגעדרייט צו זיין ווייב און געטוהן די זעלבע...

ווען ער איז פארטיג געווארן האט ער פארלאזט דאס הויז, זיך צוריק געקערט צו זיין ארבעט.

לואיס האט אים דורך געוואקט און מיט א שמייכל געפרעגט צו ער בלייבט היינט דאבל שיפט.?

יא, ער פילט נישט גוט און מיך געבעטן א טובה צו איך קען בלייבן. וואס טוט מען נישט פאר א חבר.?

לואיס צושמייכלט זיך און זאגט, כאטש וועסטו מאכן אווער טיים.

יא יא שמייכלט דער סעקרעטאר צוריק.

די נאכט איז צוגעפאלן, דער סעקרעטאר פאנגט אן דורך צו גיין זיינע פלענער, ווי נאר די בילדינג ליידיגט זיך אויס, גייט ע קראכן די סוירוועיליענס סיסטעם אזוי אז מ'זאל נישט קענען נאכגיין וואס דא איז פארגעגאנגען, און אזוי ווער ער ארויס רוקן ביל און אנטלויפן מיט אים...

אזוי איז טאקע געווען ווי נאר די בילדינג האט זיך אויסגעליידיגט האט דער סעקרעטאר אראפ געברענגט די סיסטעם.

און דערנאך צוגעגאנגען צו די צעל ווי ביל איז געווען, ביל האט געדרימעלט געבינדענערהייט אויפן האלצענעם בענקל, דער סעקרעטאר וועקט אים אויף, בינדט אים אויף, און רופט אן טשארלי און זאגט אים אז ער זאל שוין קומען מיט די קאר ווייל ביל איז פריי און זיי דארפן אנטלויפן, טשארלי זאגט אים אז ביז צוויי מינוט בין איך דארט, איך ווארט דא דריי גאסן אוועק איך קום יעצט צו פארן.

ווארט קעגן איבער זאגט אים דער סעקרעטאר אונז וועל מיר אריבער קומען צו דיר.

אקעי ביז א האלבע מינוט בין איך דא.

קענסט שוין ארויסקומען.

---

די צוויי נייע אגענטען האבן אנגערופן לואיס און זיי האבן פארלאנגט אז זיי ווילן רעדן צו ביל, זיי ווילן הערן וואס ער ווייסט.

לואיס זאגט זיי אז יעצט איז ביינאכט, און זיי זאלן זיך ענדערש אויסרוען און מארגן איז נאך א טאג.

ניין האבן ביידע געשריגן...

מארגן קען זיין צו שפעט...

אונז וויל מיר יעצט אריבער גיין רעדן צו אים.

לואיס האט זיך פארבירט איינצורייסן מיט זיי אבער זיי האבן זיך נישט געלאזט, לואיס נישט האבענדיג קיין ברירה האט ער זיי געזאגט אז ער קומט זיי שוין אויפפיקן און צוזאמען וועט ער אריבער גיין רעדן צו ביל.

דער סעקרעטאר מיט ביל האבן זיך פלינקערהייט אריין געזעצט אינעם קאר, און די קאר איז אפגעפלויגן פון דארט. דער סעקרעטאר איז נאך אלס נישט רואיג געווען, ער האט געבעטן טשארלי אז ער זאל פארקן זיין קאר אויף א שטילע גאס און פון דארט גנב'נען א צווייטן קאר און אזוי פארן ווייטער, דער סעקרעטאר האט מסביר געווען אז ער ווייסט נישט צו ס'איז נישטא קיין קעמרעס און די געגענט און ס'קען זיין אז ס'האט אויפגעכאפט די לייסענס פלעיטס, טשארלי האט באווינדערט דעם סעקרעטארס חכמה און געטראכט צו זיך יא יא. די פב"א טרענירט פיין זייערע חברה. אפילו א פשוטער סעקרעטאר פארשטייט גוט זיין ארבעט.

טשארלי געט א פרעג דעם סעקרעטאר, איינמאל פאר אלעמאל, מעג איך וויסן ווי אזוי די רופסט דיך? רוף מיך "חאמאד" זאגט אים דער סעקרעטאר.

פיין, חאמאד איז גאנץ א שיינע נאמען.

לואיס מיט די צוויי אגענטן זענען אנגעקומען צום ביורא, זיי גייען אריין...

לואיס ווינדערט זיך ווי אזוי ס'קען זיין אז דער סעקרעטאר זיצט נישט ביי זיין טישל. אבער דאס האט אים נאך נישט אויפגעבערענגט קיין פארדאכטן...

ער גייט צו צו ביל'ס צעל... די טיר איז אפען און ביל איז נישט דארט...

די צוויי אגענטן קוקן אים אן מיט ווינדער. ער קוקט צוריק...

וואס איז פשט.??.

די ערשטע זאך רופט זיך לואיס אן לאמיר געבן א בליק אויף די קעמרע זעהן וואס דא גייט פאר...

לואיס לויפט אריין און זיין אפיס עפענט זיין קאמפיוטער...

גארנישט. די סיסטעם איז דאון...

די צוויי אגענטן קוקן אויף לואיס מיט אזא ביטול...

לואיס האט זיי נישט געקענט קוקן און פנים. זיין פנים האט געפלאמט פאר בישה...

איינער האט אים דא מעכטיג אויסגעשפילט...

דער עלטערער אגענט (A) האט איינגעזעהן אז לואיס איז נישט טויגליך צו אזא אקציע. ער וועט מיזן איבער נעמען די זאך און די הענט. ווי ס'זעהט אויס זענען די טעראריסטן ערענסט און ביזנעס דא. זיי זענען גאר געפארפול און מ'דארף זיי עלימענירן די שנעלסטע וואס מעגליך.

ער רופט זיך אן פאר לואיס.

מיטן פולסטן רעספעקט, אפשר געסטו מיר איבער די קעיס? אפשר לאזטו מיך האנדלען לויט מיין פארשטאנד פון דא און ווייטער?

לואיס פארשעמטערהייט האט ער צוגעשאקלט מיטן קאפ. קיין צוויי ברירות האט ער ממילא נישט געהאט.

אגענט A הייסט פאר אגענט B אז ער זאל ארום גיין פארזיכטיגערהייט און זיך ארום קוקן צו ער זעהט עפעס פארדעכטיגט ארום די בילדינג. און אויך זאל ער פראבירן צו ער זעהט קעמרעס פון אנדערע בילדינגס וואס האבן מעגליך געקענט אויפכאפן עפעס וואס זאל געבן א שטיקל ליכט ווי מו גיין ווייטער.

ווען די צווייטע אגענט איז ארויס פון לואיס'ס אפיס האט זיך אגענט A אראפ געזעצט מיט לואיס, אז לואיס זאל אים דערציילן וואס ער טראכט וועם ער איז חושד. און צו היינט איז עפעס געווען אנדערש דא און אפיס ווי א טאג פארדעם.

לואיס זאגט אז ער ווייסט אז זיין סעקרעטאר האט געארבעט פאר די טעראריסטן אבער פון דעמאלטס ארבעט ער פאר מיר אחס א דאפעלטער אגענט.

ס'האט זייער נישט געפאלן פארן אגענט די ווערטער.

אבער ווען לואיס האט אים דערציילט די אקציע פונעם שיף און ווי גוט זיין סעקרעטאר האט צוגעפאכעט די טעראריסטן האט זיך די אגענט אביסעל בארואיגט, אבער נאך א מינוט כאפט זיך די אגענט אז למעשה האט זיך די אקציע אויסגעלאזט מיט א דורכפאל ווייל א צווייטע שיף האט אריינגעקראכט און די פב"א שיף.

נו פרעגט די אגענט. אפשר איז דאס געווען די ארבעט פון דיין געטרייע סעקרעטאר?

לואיס טראכט אזוי אריין, עפעס זאגט ער די אגענט...

ווי איז יעצט דער סעקרעטאר? פרעגט די אגענט.

איך ווייס נישט ער האט געדארפט זיין ביי זיין פלאץ יעצט, די געהעריגע סעקרעטאר האט אריין געקאלט "סיק" און ער האט אים יעצט איבער גענומען.

די ווערטער האבן שטארק נישט געשמעקט פארן אגענט...

קענסטו מיר יעצט אנרופן די אגענט זעהן צו ער איז טאקע סיק?

שאר, פארוואס נישט זאגט לואיס.

ער הייבט אויף דעם טעלעפאון און רופט, אבער קיינער הייבט נישט אויף.

ער פראבירט זיין סעל אבער דארט הייבט מען אויך נישט אויף.

די אגענט זאגט פאר לואיס אז ער זאל שוין אריבער שיקן איינס פון זיינע אגענטן זעהן צו ער איז אינדערהיים.

אפשר גאר ארבער ער אויך מיט מוט די טעראריסטן.??

לואיס רופט אריין צווי פון זיינע אגענטן און הייסט זיי צו גיין אויסטשעקן דער סעקרעטארס דירה.

אגענט (B) קומט צוריק און זאגט אז ער האט געטראפן קעמרעס ביי די בילדינג קעגן איבער.

אקעי זאגט לואיס, איך גיי אריבער זעהן צו איך קען באקומען עקסעס צו די סיסטעם דארט.

נאך צוויי מינוט קומט לואיס צוריק אז ער האט באקומען עקסעס און ער בעט די אגענטען זאלן מיט קומען מיט אים איבער קוקן די קעמרעס.

אלע דריי זעצן זיך אראפ און פאנגן אן צו מישן. אט זעהן זיי ווי א קאר קומט אן. די פלעיטס זענען ABC1234 און צוויי מענטשען זעצן זיך אריין...

ס'איז נישט אזוי קלאר ווער די מענטשען זענען...

לואיס שרייט אז דאס איז נישט זיין סעקרעטאר.

אבער זיינע טענות האבן נישט צו לאנג אנגעהאלטן, ווי נאר זיין טעלעפאון האט זיך צוקלינגען און אויף די אנדערע זייט איז געווען די אגענטן וועם ער האט געשיקט צום סעקרעטארס הויז, און זיי האבן אים געזאגט אז זיי האבן געטראפן צוויי געשאסענע באדיס אינעם הויז...

לואיס ווערט בלאס...

ער טראגט דאס נישט אריבער...

דאס מיינט אז זיין סעקרעטאר האט אים ביטערליך אויסגעשפילט. ער איז זיכער געווען אז ער ארבעט פאר אים. און דא.

אזא זאך...

לואיס זאגט פארן אגענט אז ער האט שויו נישט מער וואס צו קוקן אויף די קעמרעס. ס'איז זיכער אז זיין סעקרעטאר איז די זאך דא...

אקעי, זאגט אים די אגענט.

רוף אויס א נעשאנעל אלערט צו אלע אגענטורן אז מ'זאל מאכן א פרייארעטי צו כאפן די קאר מיט פלעיטס , ABC1234 באשטעל א העליקאפטער זאל ארום סערקלען די געגענט. זיי קענען נישט זיין צו ווייט. לויט די זייגער פון די קעמערע איז די מעשה געשעהן בערך צוואנציג מינוט צוריק.

פארלאנג מ'זאל אפשפארן אלע טונעלס און ברידזשעס...

מיר דארפן כאפן די קאר בעפאר ס'איז צו שפעט...

לואיס, מאכט די נויטיגע פאון קאללס, גאנץ נוי יארק איז געווען אונטער "רעד אלערט" אלע אגענטורן האבן געפאוקעסט אויף איין זאך, כאפן דעם קאר.

טשארלי פארט מיט זיינע צווי חברה, ער קומט אן צום ברידזש, ער זעהט ווי די סעקיורעטי איז אויפן העכסטן אלערט. ער צינדט אן די רעדיא זיי זאגן אז מ'זוכט א קאר. אבער די NYPD האבן נישט ארויס געגעבן מער אינפארמאציע.

טשארלי שמייכלט.

זוך זוך. מיין קאר איז געפארקט אפאר גאסן ארויף צו.

און אזוי קראסט טשארלי די ברידזש. ער פארט אריין צו די וויליאמסבורגע גאסן. ער דרייט זיך ארויף אויף קענט עווע. פארקט זיין קאר, און שפאצירט צו צו זיין ווער הויז דארט ליגט די סחורה. מארגן אזא צייט איז ער שוין אויפן וועג צוריק צו פאקסיטאן. און וויליאמסבורג גייט זיין כאאס...

הא הא הא...

אלע אגענטורן זיכן מיך...

. הא. הא. הא...

נאך אפאר שעה זוכן האט פב"א אפגעמאכט אז מ'גייט יא ארויסגעבן די פלעיטס וואס מ'זוכט, און מוועט בעטן אלע ניו יארקער איינוויינערס אז ווער ס'זעהט די קאר זאל תיכף אריין רופן די פאליציי. און פאר די פאליציי האט מען אנגעזאגט אז ווי נאר זיי הערן עפעס אינפארמאציע וועגן די קאר זאלן זיי זיך פארבינדען מיט די פב"א.

נאך א שעה צוויי איז טאקע אריין געקומען די קאלל אז איינער זאגט אז ער זעהט די קאר...

די פאליציי האט גענומען די פונקטליכע לאקאציע און מיט די אינפארמאציע האבן זיי זיך פארבינדען מיט די פב"א.

לואיס האט שוין געהאט אויפגעגעבן עפעס צו טרעפן נאך דערצו נאכן באקומען די באריכט פון די צוויי אגענטען וואס ער האט אראפגעשיקט צו דער סעקרעטאר'ס הויז, און זיי האבן אים דערציילט וואס זיי האבן דארט געטראפן... די זאך האט אים זייער צובראכן... שוין לאנג וואס ער האט נישט געפילט אזוי הילפסלאז...

אבער יעצט מיט די קאר האט ער געהאפט אז ער וועט אפשר עפעס מער טרעפן.

ער איז אראפ געפארן מיט די צוויי אגענטן, און טאקע ווי פארגעשטעלט י קאר איז געווען ליידיג, אן קיין ברעקל אינפארמאציע צו קענען גיין ווייטער.

איראן.

ס'איז שטאק פינסטער אינדערויסן, די וועטער איז רעגענדיג, קיינער וואס דארף זיך נישט דרייען אינדערויסן זיכט נישט זיך צו דרייען.

אבער איינער וואקט יא דארט מיט א קלאפעדיג הארץ...

מאחמוד'ס הארץ זעצט.

ער ווייסט אז ער טוט יעצט עפעס וואס קען אים קאסטן זיין קאפ, אבער דאך, עפעס אינערליך שטופט אים דאס צו טוהן.

ער גייט צו צו די פענסטער פון די דירה.

ער קלאפט שטילערהייט אריין.

אבאס ליגט רואיג און בעט, און אזא וועטער שלאפט זיך בעסער, אבער א קלאפ און פענסטער האט איבערגעהאקט זיינע מחשבות, אפשר חלום איך? ניין, די קלאפן ווערט שטערקער...

ערווארפט ארויף זיינע אויבער וועש ער מאכט זיכער אז זיין גאן איז אנגעפילט.

ער גייט צו צום פענסטער...

# קאפיטל 16

לאמיר זיך אביסל אומקוקן און זעהן וואס איז געווארן מיט דזשים.

דזשים איז אנגעקומען צו די שפיטאל און וואשינגטאן, דארט האט אים די דאקטאר אפגעווארט, נאך א גרונטליכע אנאליז האט ער געזאגט פאר דזשים אז ער זאלווארטן אז זיין ווייב זאל אויך אנקומען דא קיין וואשינגטאן און אזוי וועט ער צוביידע רעדן און איבער געבן וואס ער האלט.

פאר דזשים איז די זאך זייער נישט געפאלן, אז די דאקטאר וויל אים נישט זאגן וואס ער האלט נאר ווען זיין ווייב איז דא מיינט דאס עפעס נישט צו גוט, אבער דזשים האט זיך פראבירט מחזק צו זיין, אז ס'איז דא א גרויסע באשעפער און ער קען העלפן און אלע אומשטענדן.

דזשים'ס ווייב איז נאכגעקומען מיט א פליגער, ווי נאר זי האט געלאנדעט האט זי גראד גענומען א טעקסי צום שפיטאל, אנקומענדיג און שפיטאל זעהנדיג די מצב פון איר מאן איז איר זייער נישט גוט געווארן, זי האט זיך גענומען וויינען... און ווען די דאקטער איז אריין געקומען מיט זיין שטאב פון אינטער דאקטורים און נורסעס און געבעטן אז זי זאל זיך אראפ זעצן ווייל ער וויל רעדן צו זיי האט זי נאך מער צוזאמגעבראכן, מ'האט געקענט טאפן און די ליפט די ערענסקייט. אויפן דאקטערס געזיכט האט מען אויך געקענט ליינען אז ער גייט נישט דא איבער געבן קיין פרייליכע נייעס.

אבער נאך פאר די דאקטאר האט זיך גענומען רעדן, האט דזשים גענומען די שטארקייט און געבעטן די דאטאר אז ער זאל ארויס גיין פון שטיב פאר אפאר מינוט ווייל ער וויל רעדן צו זיין ווייב פריוואט.

ווען די דאקטאר איז ארויס האט זיך דזשים אויסגעדרייט צו זיין ווייב און זיך גענומען רעדן.

די ווייסט דאך אז מיין מצב זעהט נישט אויס אזוי גוט. אבער איין זאך וואס איך שטארק מיך און דאס איז מיטן הייליגן באשעפער, ער פירט די וועלט און ער טוט אלעס, איז אויב האט ער געמאכט אז אזוי זאל זיין דעמאלטס איז דאס די בעסטע אפילו מיר פאשטייען עס נישט.

אבער א מענטש דארף דאך טון אלעס וואס מ'קען זיך צו ראטעווען, יעצט איך נעם מיך פאר אז פון היינט און ווייטער גיי איך צוריק ווערן א פרומע איד, פרום מיין איך מיט יעדן דעטאל, פון היינט און ווייטער גייט מען מיך רופן מיט מיין ברית נאמען וואס דאס איז בנימין, און איך איך נעם מיך פאר צו היטן שבת ווי א איד, און ווי אויך אלע אנדערע מצוות, ביסטו מסכים מיט צוגיין מיט מיר אויף דעם נייעם וועג?

מיט טרערן און די אויגן האט בנימין'ס ווייב געענטפערט א ברייטע "יא".

און פון היינט און ווייטער וועל איך מיך רופן מיט מיין געהעריגע נאמען רבקה און נישט ריבעקע...

בנימין איז געווארן זייער עמאציאנאל און אויסגעבראכן און א געוויין...

זיין ווייב רבקה האט אויך מיטגעוויינט מיט אים...

נאך אפאר מינוט האט זיך בנימין געשטארקט און רופט זיך אן, איך בין פארזיכערט אז יעצט וועט מיר דער אייבערשטער העלפן און וועל עס דורך מאכן און ארויס קומען פון דא געזינטערהייט.

יעצט בעט איך דיך, רוף אן די חב"ד סענטער און פרעג זיי צו זיי קענען האבן איינעם וואס זאל אריבער קומען לייגן מיט מיר תפילין, איך וויל נאך היינט אנפאנגען מיט א גוטע זאך...

קענסט יעצט צוריק אריין רופן דעם דאקטאר לאמיר הערן וואס ער האט צו זאגן.

די דאקטאר קומט אריין, און מיט אן ערענסטע מינע אויף זיין געזיכט נעמט ער דאסווארט און זאגט אזוי :.

די טעסטס ווייזן אז די האסט באקומען א ערענסטע איינשפריץ וואס דאס איז געמאכט אוועק צו הארגענען די מח שטאטערהייט...

אבער אזוי ווי מען האט דיך געכאפט גענוג פרי האט מען עס אפגעשטעלט אויף די מינוט, אבער די סם צושפרייט זיך שטאטערהייט און גייט ארויף צום מח...

די איינציגסטע וועג דאס צו ראטעוון -אויב מ'קען נאך- איז דורך א קאמפלעצירטע מח אפעראציע וואס דאס קען נעמען 18 שעה, די ריסק פון אזא אפעראציע איז אז 3 0 פארצענט מענטשען וועקן זיך נישט אויף פון די אפעראציע...

יעצט קענט איר אפמאכן אויב אירווילט נעמען די ריסק אדער לאזן לויפן.

לאזן לויפן מיינט אז שטאטערהייט גייט די מח ווערן אטאקירט און ביז א וואך צוויי אדער מערסטענס פיר וואכן גייסטו אריין פאלן און א קאמע...

איך וואלט רעקעמאנדירט אז מ'זאל מאכן די אפעראציע שוין, ווי שנעלער אלס גרעסער איז די טשאנס פאר סוקסעס, אבער איר קענט אפמאכן וואס איר ווילט, איך לאז איך יעצט איבער פאר צען מינוט, מאכטס די באשלוס און איך וועל צוריק זיין הערן וואס מ'האט באשלאסן...

און אזוי האט די דאקטאר ארויס געוואקט...

ווי נאר די דאקטאר האט ארויס געוואקט האט בנימין'ס ווייב אויס געבראכן און א יאמערליכע געוויין...

בנימין אבער איז געווען זייער שטארק.

ער האט געזאגט פאר זיין ווייב אז ער האלט אז מ'זאל יא מאכן די אפעראציע און מיטן באשעפערס הילף וועט אלעס גוט זיין.

זיין ווייב האט אויך מסכים געווען, אבער בנימין האט איין זאך צוגעלייגט, אז ער גייט נישט צו די אפעראציע אן לייגן תפילין. ער וויל קודם האבן געלייגט תפילין און אזוי וועט ער גיין.

די חב"ד שליח איז תיכף געקומען ווען ער האט געהערט וואס די מצב איז.

ער האט געהאלפן בנימין אנדרייען די תפילין, און געגעבן פאר בנימין א סידור וואס שטייט לשה"ק מיט ענגליש אז בנימין זאל קענען פארשטיין וואס ער דאווענט.

ס'איז נישט מעגליך צו באשרייבן און פשוט'ע ווערטער ווי אזוי די דאווענען האט דארט אויסגעזען...

בנימין האט זיך אויס געדרייט צום וואנט, טייכן טרערן האט זיך געגאסן פון זיינע אויגן... זיין ווייב איז געשטאנען און די זייט און גע'אמערט.

ווען בנימין איז אנגעקומען צו תחנון און זיך גענומען זאגן די ווידוי פון אשמנו האט זיך זיין גוף געשאקלט ווי א בלעטל...

נאך א האלבע שעה איז די דאקטאר צוריק געקומען הערן וואס זיי זאגן.

בנימין האט אים געזאגט אז זיי האבן אפגעמאכט אז זיי גייען איין אויף די אפעראציע.

די דאקטאר האט געהייסן אז בנימין זאל אינטערשרייבן אז ער האט געהערט די ריסקס און ער איז גרייט דערפאר.

דערנאך זענען די נורסעס אריין געקומען און זיך גענומען צוגרייטן בנימין פאר די אפעראציע.

זיין ווייב איז געשטאנען און די זייט און נישט אויפגעהערט צו כליפן.

נאך אפאר מינוט האט מען אים אנגעפאנגן ארויס צוטראגן, בנימין האט געגעבן א ברייטע שמייכל, און געזאגט פאר זיין ווייב אז זי זאל זיך האלטן שטארק און האבן בטחון.

און אזוי האט מען אריין געפירט בנימין צו די אפערעטינג רום...

בנימין האט געזאגט שמע ישראל און מיט א שמייכל צוגעמאכט די אויגן...

איראן.

מאחמוד קומט אריין צו אבאס אינדערהיים, אבאס קוקט אים אן זייער פארדעכטיגט, וואס ווילסטו און אזא זייגער? לאמיר עס מאכן שנעל זאגט מאחמוד, איך וויס אז די האסט קאנעקשענס צו אמעריקא, אבאס קוקט אים אן מיט גרויסע אויגן. ווואאאסס??? איך????

ס'איז נישט יעצט קיין צייט זיך צו שפילן, אמעריקא איז אינטער געפאר.

די קענסט זיי יעצט העלפן דורך מיר אדער קענסטו דיך יעצט מאכן טעמיש און איך שייד מיך פון דיר און ס'וועט געשעהן וואס ס'וועט געשעהן, און די שילד געפילן וועלן דיך באגלייטן א גאנץ לעבן. ביסטו גרייט ווייטער צו גיין?

אבאס נעמט זיך קעקעצן און זאגט שטילערהייט, פיין, איך בין גרייט צו גיין ווייטער, אבער לאמיר נישט דא רעדן, קום מיט מיר...

ער נעמט אים אריין און זיין רום, ער גייט צו צו א קלאזעט, דארט רוקט ער אוועק אפאר קליידער און פון דארט נעמט ער אים אראפ צו שטיגנס וואס דאס פירט צו צו א פאַרהאַקטע טיר, ער צינדט אן די לייט און עפענט די טיר, פאר מאחמוד אנטפלעקט זיך א הערליכע צימער אויפגעריסטעט מיט שיינע פוירנעטשער און א דעסק מיט א קאמפיוטער...

ביידע וואקן אריין...

אבאס געט זיך א ווילדע דריי אויס צו מאחמוד און געט א שריי... ""הענט ארויף"".

מאחמוד איז געווארן פארלוירן...

און אבאס זאגט אים דריי דיך אויס צו די וואנט מיט די הענט און די בעק...

מאחמוד איז געוועז אזוי דערשראקן און ווי א טאטעלע האט ער געפאלגט...

אבאס נעמט ארויס א שטריק און בינדט אים...

וויסן זאלסטו אז איך בין נישט קיין אמעריקאנע שפיאן...

איך בין נאר געשטעלט פון די רעגירונג זיך צו פארשטעלן אזוי...

יעצט האב איז געכאפט א פישל...

איךווארט שוין לאנג אויף אזא קרבן...

מאחמוד איז געווארן פארלוירן...

ער האט זיך נישט געקענט גלייבן אז ער איז אריין געפאלן און אזא פאסטאקע...

אבאס זאגט ווייטער. איך ווייס אז די ארבעטס פאר די רעגירונג. איך ווייס אז די ווייסט אסאך. און טאקע דאס האב איך ליב. אזא פישל איז מיר זייער ווערט...

די ווייסט אז דאס מיינט פאר דיר טויט שטראף דורך הענגען...

אבער נאך פאר מען וועט די הארגענען וועל איך זיכער מאכן אז מ'וועט דיר פייניגען מיט די ערגסטע מעטאדן...

איך האפ אז די האסטוך געזעגנט פון דיין פאמיליע ווייל די ליכטעקייט פון די זין איז א פארגאנגענהייט פאר דיר...

מאחמוד זיצט מיט די קאפ אראפ, אויף אזאנס האט ער זיך נישט גערישט.

ווי האט ער געקענט מאכן אזא טעות??

ווער נאך ווי ער ווייסט וואס עס מיינט געכאפט צו ווערן מיט אזאנע עבירות.

אזוי רעדענדיג כאפט ער א פראסק און פנים פון אבאס...

איך רעד צו דיר. די הערסט וואס איך זאג דיר.?

מאחמוד נעמט זיך וויינען... ער האט נישט געגלייבט און זיין מח האט נישט געוואלט פארנעמען וואס דא גייט פאר...

אבאס גייט צו צום טעלעפאון און ריפט אריין די הויפקוואטיר פון די איראנע גווארדיע.

מאחמוד הערט ווי אבאס זאגט, קום אראפ צו מיר אינדערהיים איך האב א גוטס דיר צו וויזן, ברענג מיט צוויי אינטעריגעטערס מיר גייען האבן פאן דא...

מאחמוד נעמט זיך וויינען צו אבאס. האב רחמנות. טוה דאס נישט צו מיר.

הא הא הא נעמט זיך אבאס לאכן...

ווען איראן איז געגרינדט געווארן האט רחמנות עקספייערט...

דיין לעצטע ווינטש אז די ווילסט וועט זיין אז איך וועל דיך לאזן זעהן דיין ווייב דורך א גלאז. אבער דאס וועט נאר זיין אפאר מינוט פאר דיין שטארבן...

מער ווי דאס בעט נישט פון מיר!!

טשארלי מיט זיינע צוויי חברה אנקומענדיג צו די ווער הויז האבן זיי זיך קודם געזעצט טרינקען משקה, נאכן שטיפן אביסעל די צייט האט טשארלי באשטעלט טיקעטס, א וואן ווען פאר דריי מענטשען צו פאקיסטאן, די פליגער איז ג'סקעדזשעלט זיך צו הייבן פינעף אזייגער נאכמיטאג. ס'איז געווען אזוי אויסגערעכנט אז ער זאל נאך קענען הערן און

מיטהאלטן און הנאה האבן פון זיין אקציע און דערנאך אפפארן קיין פאקיסטאן. און פון דארט קיין איראן. און דארטווארט אים אפ א רייכטום... אוי. קוים וואס ער קען עס אויסווארטן...

נאך א שעה צוויי האט ער אנגעפאנגען ארויס צוגעבן די ארדערס, ביל די נעם איין פעקל און דאס גייט גיין אינעם טרעין סטעשען אויף בראדוועי...

איך נעם די צווייטע פעקל און דאס גייט גיין אינעם פב"א הויפט קוואטיר...

איך וועל עס אהין טראגן מיט מיין הענט! און דאס וועט זיין מיין נקמה און זיי פארן הארגענען אונזער קאלעגע מייק!

חאמאד די נעם די אנדערע פעקל, און דאס גייט געלייגט ווערן אויף לי קארנער ראדני, אבער כדי די זאלסט נישט אויסזעהן פארדעכטיגט מיזטו דיך פארשטעלן ווי א איד. רעד צו ראמאן ווי אזוי מ'מאכט עס. די דארפסט לכאורה נישט קיין סאך טרעינינג.

ראמאן די נעם דאס לעצטע פעקל און דאס גייט אויף לי קארנער וואלעבאוט.

אזוי וועט מען קאווערן גאנץ לי עווע...

אקעי, חברה נעמטס ענקערע פעקלעך ס'נעמט זיך טאגן און די אקציע דארף זיך אט אנפאנגען.

מיר טרעפן זיך נעקסט ביי געיט 3 און קענעדי ערעפארט בערך דריי אזייגער.

דארט וועלן מיר מיט האלטן די אקציע און זיך הייבן בערך פינעף אזייגער...

ראמאן, ווען איך וועל זעהן די סוקסעס פון די אקציע וועל איך דיך אריין רופן ווי די זאלסט גיין אויפפיקן דיין געלט.

חברה גיימער...

אללא אקבאר....

איינע פון די אגענטען שטייענדיג ביי די קאר צו זיכן עפעס אינפארמאציע איז אים בייגעפאלן א פלאן, ער פרעגט לואיס צו ער האט ביי זיך און אפיס א 'קעמערע דיטעקטאר' דאס איז א קליינע מאשינקע וואס פייפט אויב ס'איז דא קעמערע שטראלן און די הונדערט פיס, לואיס זאגט אים אז יא ער האט עס און ער שיקט יעצט איינעם עס ברענגן, אייגענטליך, כאפט זיך לואיס, איך האב איינס און מיין קאר אויך, דא האסטו, און גראד האט זיך די כלי געניםען פייפן וואס דאס מיינט אז ס'איז דא א קעמערע אויף איינע פון די בילדינגס, דאס איז גוטע נייעס.

אקעי, לואיס ווער מיר געווייר ווער די בעה"ב פון די בילדינג איז, אונז דארף מיר דורך קוקן די קעמרע, לכאורה וועט מען קענען זעהן עפעס.

נאך צעהן מינוט קומט לואיס צוריק און זאגט אז די בעה"ב איז אויפן וועג און ווי נאר ער קומט וועלן מיר אריין גיין זעהן.

די בעה"ב האט זיך קודם דערשראקן וואס פב"א וויל פון אים אינמיטן די נאכט אבער ווען ער האט געהערט וואס די רעדע איז איז ער גראד געקומען צו פארן און געפענט די בילדינג.

אלע דריי זעצן זיך צו צום קאמפיוטער, און מ'מישט צוריק און מ'זעהט טאקע ווי זיי קומען ארויס פון די קאר, ברעכן אויס די ווינדא פון א געפארקטע קאר, זעצן זיך אריין, און פארן אפ...

די פלעיטס האט מען געקענט ליינען זייער קלאר.

לואיס מיט זיינע אגענטן פליען צוריק צו זייער אפיס, לואיס מישט אויף די קעמרעס ביי די ברידזשעס לייגט אריין די פלעיט נאמבער און זעהט ווי די קאר פארט אויפן ברידזש, ער פארט ווייטער, ער דרייט זיך אראפ און וויליאמסבורג. און דארט האט ער פארלוירן טרעק...

לואיס לאז ארויס די NYPD לאמיר אליין אראפ פארן קיין וויליאמסבורג, נעם מיט נאך זעקס זיבן קארן, גיב זיי די פלעיט נאמבער, אויב זעהן זיי די קאר זאלן זיי אונז רופן.

היידא. לאמיר גיין.

ס'האט נישט לאנג גענומען און איינע פון די אגענטן רופן אן לואיס אז ער זעהט די קאר געפארקט אויף קענט עווע...

לואיס רופט זיינע אלע חברה, ער הייסט זיי ארום נעמען די בלאק שטילערהייט.

ער נעמט ווייטער ארויס זיין קליינע מאשינקע צו זעהן צו ס'איז דא א קעמרע און די געגענט...

יא. די גאז סטאנציע האט קעמרעס. זייער גוט, לואיס גייט צו צום פענסטער און זאגט זיי אז ער איז פון די פב"א און ער וויל דורך קוקן די קעמרעס.

און טאקע אויף די קעמרע זעהט ער ווי די חברה וואקן ארויס און גייען אריין און די ווער הויז גראד נעקסט צו די געז סטאנציע...

לואיס רופט אריין זיינע חברה און הייסט זיי קאווערן די בילדינג. ער גייט יעצט שטורעמען די פלאץ...

די צוויי אגענטן זאגן פאר לואיס אז ער זאל זיי לאזן פאראויס, זיי קענען בעסער די מלאכה...

די צוויי טוהן זיך אן שיך קליידער און מיט א זעץ האקן זיי אויס די דרויסענדע פענסטער אוןווארפן אריין א גאז באמבע. די באמבע טוט נישט גארנישט נאר ס'מאכט א גרידער און א רויעך, דאס ניצט מען ווען מ'דארף איינעם כאפן און א שאק.

דערווייל האט די אנדערע אגענט אויפגעזעצט דעם טיר... ביידע וואקן אריין. זיי זעהן אז איינער איז נישט לאנג צוריק דא געווען באטלעך ביר איבעראל ארום... אבער די פלאץ איז יעצט ליידיג.!!

קיינער איז שוין נישט דא.!!

דאס זעהן זיי יא אז די פלאץ איז נישט קיין פשוטע ווער הויז. ס'איז שיין אויסשטאפירט. אבער פון דעם האבן זיי נאך גארנישט. און פאקט האבן זיי יעצט נאכאמאל פארשפילט א געלעגענהייט...

לאמיר זעהן אויף די גאז סטאנציע קעמרע צו מ'קען זעהן ווי זיי זענען געגאנגען?

אלע דריי לויפן צוריק צו די קעמרעס. אבער ווי אנטוישט און דערביטערט זענען זיי געווארן זעהנדיג ווי פיר מענטשען וואקן ארויס מיט סוט קעסעס און די הענט און יעדער צושפרייט זיך צו אן אנדערע פלאץ...

מיט א ביטערע טעם האבן די אגענטן געדארפט צוהערן ווי לואיס רופט קיין וואשינגטאן איבער געבן די שלעכטע נייעס אז די אקציע גייט לכאורה געשען און ס'איז נישט און זיינע הענט דאס אפצושטעלן...

# קאפיטל 17

איראן.

אבאס זעהנדיג ווי צובראכן מאחמוד איז, נאכן אים גוט באטראכטן, וואקט ער צו צו אים און מיט א גלעט אויפן אקסעל זאגט ער אים מיט א ליבליכע שטימע.

וויסן זאלסטו מאחמוד.

"איך בין אן אמעריקאנע שפיאן".

נאר וויסענדיג אז די ארבעטס פאר די רעגירונג האב איך מיך קודם געמיזט פארזיכערן אז די זיכסט מיך נישט צו פארכאפן און א פאסטאקע, יעצט ווען איך בין זיכער אז דו מיינסט עס ערענסט בין איך גרייט צו רעדן צו דיר, און זיי זיכער אז איך האב צו קיינעם נישט גערעדט אויפן טעלעפאון.

מאחמוד קוקט ארויף צו אבאס אינגאנצען צומישט...

ער ווייסט שוין נישט צו ער זאל אים גלייבן אדער נישט...

אבער ווען אבאס האט אים אויפגעבינדען און געברענגט צובייס צום טיש איז זיין פארזיכערקייט צוריק געקומען.

וואס פארא געפאר רעדסטו וואס שוועבט אויף אמעריקע, פרעגט אבאס?

איך גיי דיר זאגן וואס די געפאר איז און ווי אזוי איך קען עס אפשטעלן, אבער פאר איך פאנג אן פארלאנג איך פון דיר אז די זאלסט ערלעדיגן פאר מיר א וועג ארויס פון איראן פאר מיר און מיין משפחה, דאס מיינט, איך קען נישט ארויס פארן געהעריג מיט א פליגער ווייל מיין פנים איז באקאנט, איך בין א הויכראנקיגע רעגירונגס מענטש, איך וויל אן אנדערע וועג ארויס...

דאס זאלן די אמעריקאנע צושטעלן און אויסטויש פאר די הילף און אינפארמאציע וואס איך גיי זיי יעצט צושטעלן.

אבאס טראכט.

פאר איך טראג אן דיין פארלאנג פאר די אמעריקאנע מוז איך קומען מיט גענוג שטאף אז די ווייסט טאקע וואס די רעדסט און אז די קענסט טאקע העלפן.

מאחמוד פוילט נישט און זאגט פאר אבאס, קוק נאך אויף דיינע רעקארדס צו די זעהסט א שיף וואס איז ארויס געפארן צוויי וואכן צוריק פון דא און די פאפירן זענען נישט געהעריג אויסגעפילט געווארן...

אבאס זוכט.

נאך אפאר מינוט זאגט ער אז יא, ער זעהט אויף איין שיף אז ס'שטייט אז די רעגירונג האט אינספעקטעט די שיף און מ'דארף עס נישט איבער זוכן. דאס איז די ערשטע מאל וואס איך זעה אזאנס...

טאקע אינטערעסאנט. וואס איז די פשט?

זייער פשוט זאגט מאחמוד, די שיף האט געהאט אסאך געהעריגע סחורה אויף זיך, אינמיטן פון די סחורה איז געווען באהאלטן פיר באקסעס וואס און די באקסעס ליגט קליינע אבער גאאר מאכטפולע רימאט באמבעס.

דאס האט געדארפט צו ווערן אריינגעשווערצט צו אמעריקע דורך באצווינגען איינעם ביים פארט אדורך צו לאזן די שיף. די באמבעס גייען ווערן אויסגעלייגט און די אידישע צענטער און ברוקלין, און ס'גייט דארט אנזייען חורבן...

יעצט, פון די אימעילס וואס איך האב געהעקט פון מיין העד מענעדזשער האב איך פארשטאנען אז די זאך האט זיך אביסעל פארהאנקעט אבער די באמבעס זענען און פארזיכערטע הענט.

לויט ווי איך פארשטיי איז די פב"א געווייר געווארן דערפון און זיי האבן געוואלט פארכאפן די שיף אבער פאר זיי האבן געהאט די טשאנס האבן אונזערע חברה ארויסגערוקט די פעקלעך.

למעשה איז עס יעצט אפאר שעה אוועק פונעם אויפרייס.

רוף אן קיין וואשינגטאן און ווער געווייר צו די זאך איז וואר, אויב בין איך גערעכט בין איך גרייט צו גיין ווייטער און העלפן, אבער נאר אויב די ערלעדיגסט א צוזאג אויף מיין פארלאנג וואס איך האב געבעטן...

אבאס הערט וואס די רעדע איז.

ער רופט אן די פב"א און וואשינגטאן, און נאך א מינוט האבן זיי באשטעטיגט יעדעסווארט.

און זיי האבן אפילו צוגעגעבן אז זיי האבן ביז יעצט נישט געוויסט וואס די פארדעכטיגטע פעקל איז...

אבער ווען אבאס האט פארגעלייגט וואס מאחמוד פארלאנגט פארן העלפן ווייטער, האט די פב"א הויפט געזאגט אז ער איז נישט אויטעראזירט צו עפראוון אזא זאך, ער וועט מיזן פרעגן די פרעזידענט.

זאג זיי האט מאחמוד צוגעלייגט, אז די צייט איז נישט אויף זייער זייט, אויב פלאנען זיי צו פארשלעפן און דורך גיין אלע ביוראקראטישע זאכן ביז זיי גייען מיר געבן די אקעי דעמאלטס קען שוין זיין צו שפעט...

אבאס האט איבער געגעבן די ווערטער פארן הויפט פב"א, יענער האט געזאגט אז ער הערט, אבער אן די פרעזידענט קען ער גארנישט טוהן.

זאל ער בעסער גיין אויפוועקן דעם פרעזידענט אויב ווייסט ער וואס איז גוט פאר אים...

זאג אים אז די פאר באמבעס זענען נאר די פראבע, אויב גייט דאס דורך סוקסעספול פלאנען די חברה אריין צו שווערצן מער פון די סארט און באמבעדירן ערענסטע טארגעטס. ער זאל דאס נישט נעמען פאר לייכט...

אבער די הויפט פון די פב"א האט זיך נישט דערשראקן.

איך גיי נישט אויפוועקן די פרעזידענט און אנדרייען א קאשע פאר עפעס א קליינע באמבע וואס גייט אויפרייסן און די אידישע געגנט...

זאג אים אז דאס איז שוין גארנישט אזוי קליין, און דאס גייט נישט נאר און די אידישע געגנט! איינע פון די פב"א בילדינג'ס איז אויך אויף די ליסט...

ביי די ווערטער האט זיך די הויפט פון פב"א טאקע דערשראקן...

זיינס א בילדינג איז שוין נישט קיין וויץ.

אקעי, איך רוף אן דעם פרעזידענט, איך וועל דיך צוריק רופן שפעטער אויב ער געט די צושטימונג.

שפעטער?

דאס קען שוין זיין צו שפעט.

טייל מיך נישט איין וואס און ווען צו טוהן, איך בין די פירער און איך וועל טוהן ווי אזוי איך פארשטיי.

איך מיין נישט גארנישט זאגט מאחמוד, אבער יעצט איז נישט קיין צייט פון קיין ארגיומענטס, די בליט און לעבנס פון הונדערטער מענטשען קינדער און פרויען ליגן און דיינע הענט. יעצט איז נישט קיין צייט צו רעדן ווער ס'איז גרעסער אדער שטערקער...

איך הער וואס די זאגסט, איך וועל אבער טוהן ווי אזוי איך פארשטיי און נישט ווי אזוי מ'טיילט מיר איין...

גוט, מירווארטן אויף דיין קאלל...

אבאס האט יא געגומען די זאך מער ערענסט, און ער האט אנגעפאנגן זיך צו בעטן ביי מאחמוד אז אפשר דאך זאל ער אנפאנגן צו ארבעטן אפילו ער האט נאך נישט צוריק געהערט פון וואשינגטאן. איך גאראנטיר דיך אז איך וועל דיר ארויסזעהן פון דא!!

מאחמוד זאגט אים שיינערהייט, הער אויס, איך פארשטיי דיך, איך פארשטיי אז די ווייסט יא און די זעהסט איין אז יעצט איז נישט קיין צייט פון זיך שפילן און צייגן ווי גרויס מ'איז און צו ס'פאסט יא צו נעמען ארדערס אדער נישט.

אבער דאך, ווי נאר איך וועל דיר צייגן ווי אזוי איך קען דיר העלפן, און יענע רגע לייג איך מיך אריין און די מויל פון לייב.

איך פארשרייב מיר דאס טויט! ווייל זיי גייען גראד געווייר ווערן אז דאס קומט פון דא.

און וועגן דעם נאך פאר איך פאנג עפעס אן, מוז איך האבן א קלארע וועג ווי אזוי איך גיי מיך ארויס זעהן פון דא צוזאמען מיט מיין משפחה.

איך ווייס אז ס'איז נישט און דיינע הענט אזא אפעראציע...

איך פארשטיי אז די ווילסט זייער העלפן, אבער דאס מאל איז עס נישט און דיינע הענט.

לאמירווארטן אז מ'זאל צוריק רופן פון וואשינגטאן און איך האפ אז זיי וועלן האבן שכל און די ענטפער וועט זיין פאזאטיוו, אויב נישט וועלן מיר ביידע דארפן צו קוקן מיט צער ווי אזוי אומשילדיגע לעבנס ווערן פארשניטן פאר אביסל גאווה און כבוד...

ס'טוט מיר זייער באנק אבער דאס איז די מציאות יעצט.

חאמאד מיט ראמאן שפאצירן צוזאמען אראפ די גאס, ביידע שלעפן זיך מיט רענצלעך, חאמאד רופט זיך אן צו ראמאן, שפאצירן יעצט און די שטילע גאסן איז נישט קיין עסק, דאס קען ארויסברענגען גרויס פארדאכט, איז דא ערגעץ א האטעל און די געגנט ווי אונז קען מיר זיך אראפ לייגן פאר אפאר שעה, מיר האבן ממילא נאך בערך זעקס שעה ביז מיר דארפן אנפאנגן די אקציע.

דא איז נישט דא קיין האטעלס אבער ס'איז דא נאך א אידישע צענטער דא נישט ווייט אוועק דאס איז בארא פארק, לאמיר אהין גיין, דארט איז דא האטעלס און דארט איז אויך דא אידישע געשעפטן אזוי וועל איך דיר קענען איינקויפן אביסל אידישע פארשטעלעכץ אז די זאלסט נישט זיין אויפפאלנד.

זייער גוט לאמיר אהין פארן.

ווי אזוי ווילסטו פארן? האסט א קאר?

דאס איז די קלענסטע פראבלעם זאגט חאמאד, זאג מיר וועלכע קאר פון די בלאק די ווילסט און מיט דעם וועלן מיר פארן.

נעם דאס, צייגט ראמאן אויף א אדאסי, גוט.

ראמאן שטעלט זיך צו צום קאר, נאך אפאר מינוט איז די קאר אפען געווען, ביידע האבן אריין געלייגט פעקלעך און די בעק און מ'פארט.

מ'פארט ארויף אויפן BQE די וועגן זענען ליידיג. חאמאד גיבט געזז.

איך קען מיך שוין באשטיין צו זעהן שלאפן זאגט ער.

גענוג א שווערע טאג געווען היינט. מארגן קומט נאך איינס, איך קען באשטיין צו זיין אויסגערוהט.

האלי... רופט זיך ראמאן אן. קוק און שפיגל. א פאליס פארט אונז נאך...

פאר שטייטער. איך האב מורא אז די האסט געספידט.

וואס טוט מען. אויב כאפן זיי אונז וועט אלעס זיין פארטיג...

אקעי ער מיינט אונז...

די קענסט נישט אנטלויפן...

רוק דיך און א זייט. האסט דיין לייסענס אויף דיר?

די פאליס אפיסער קומט ארויס פונעם קאר, און בעט לייסענס רעגיסטרעשנס.

ראמאן גיבט זיי לייסענס אבער די רעגיסטרעשן קען ער נישט טרעפן.

די פאליס פרעגט אים איבער.

גיב מיר דיין רעגיסטרעשן קארד...

איך זעה עס נישט זאגט ראמאן.

אקעי, איך וועל צוריק זיין און א מינוט.

די פאליס זעצט זיך צוריק און זיין קאר, ער טשעקט די פלעיט נאמבער צו דאס מעטשעט מיט די לייסענס...

ער זעהט גראד אז דאס איז א גע'גנב'טע קאר...

די פאליס רופט אויס אויף זיין הויעכהילכער.

"קומטסביידע ארויס פון די קאר מיט די הענט ארויף"...

נאכאמאל "ביידע פון ענק" וואקטס ארויס פון די קאר, לייגטס ארויף די הענט אויפן דאך פון די קאר...

.

ראמאן, פאלג וואס זיי הייסן איך וועל שוין קער נעמען שעפשעט חאמאד. לאמירביידע ארויס וואקן מיט די הענט אויף ארויף.

ווי נאר זיי האבן אויסגעוואקט האבן די צוויי פאליס אפיסערס צוגעוואקט צו זיי און זיי געקייטעלט.

חאמאד געט א זאג אריין פארן פאליס אפיסער און אויער.

איך בין א פב"א אגענט. איך האלט אונמיטן א אקציע. מיין בעדזש ליגט און מיין רעכטע טאש.

די פאליס נעמט ארויס די בעדזש.

ער זעהט אז ער איז גערעכט.

ער זאגט פארן צווייטן אפיסער זאל אויפבינדען ראמאן.

די פאליס אפיסער האט זיך אנטשולדיגט פאר חאמאד. און מיט א קוועטש און די הענט האבן זיי זיך צוריק אריין געזעצט און די קאר און געפארן ווייטער...

חאמאד פארט אריין און די בארע פארקע גאסן, ער פארט צו צום האטעל, שרייבט זיך איין, אוןביידע פון זיי לייגן אריין די רענצלעך אינעם קלאזעט און פאלן אריין און בעט אויסגעשעפט.

טשארלי, האט ארויף שפאצירט אפאר גאסן, פון דארט גערופן א קאר סערוויס זאל אים אפטראגן קיין מענהעטן צו א האטעל, זיין וועג איז דורך אן קיין אינצידענטן ער האט זיך אריין געטשעקט און זיין האטעל, און אויך געגאנגען שלאפן פאר א פאר שעה ביז די אקציע גייט אריין גיין און קראפט.

ביל האט גענומען זיין רענצל, און צוגעוואקט צו בראדוועי, ער קען באשטיין צו זעהן די פלאץ ווי ער גייט דארפן אראפ לייגן זיין פעקל, און בכלל און די נעקסטע פאר שעה האט ער

נישט וואס צו טוהן, ער גייט נעמען די טרעין אהין און צוריק פאר די נעקסטע פאר שעה. אויסרוען וועל איך מיך אויפן פליגער. טראכט ער צו זיך.

די פב"א אגענטן האבן זיך מוט לאז אריין געזעצט און קאר צוריק צופארן צום הויפטקוואטיר, לואיס האט אנגעטראגן אז אפשר זאל מען איבער גיין אלע אינפארמאציע וואס מ'האט, אפשר וועט עפעס בייפאלן, אפשר וועט מען טרעפן עפעס וואס דאס וועט קענען טראגן ווייטער.?

אלע האבן זיך אריין געזעצט ביי לואיס און אפיס, און זיך גענומען איבער גיין אלע דעטאלן, נאך אפאר שעה ארבעט איז די מצב שוין געווען זייער אנידערגעשלאגן די אינפארמאציע האט נישט געפירט קיין ערגעץ, א טעלעפאון קאלל האט איבערגעהאקט, אויף די אנדערע זייט איז געווען די סארדזשענט פון די זיבעציגסטע פריסינט, ער דערציילט אז זיינס אן אפיסער האט היינט אינדערפרי אפגעשטעלט א גע'גנב'טע קאר, אבער די דרייווער האט געוויזן זיין פב"א בעדזש אז ער האלט אינמיטן אן אקציע, די פאליס האט אים געלאזט גיין ווייטער.

ער וויל נאר זיכער מאכן אז די הויפט פון די פב"א ווייסט דערפון, ווייל נארמאל גנב'ט מען נישט קיין קאר...

לואיס ווערט ווייס... ער לייגט די פאון אויף ספיקער און בעט אז די סארדזשענט זאל איבער זאגן די סטעיטמענט...

וואס גייט פאר מיט דיר אפיציר לואיס?

האסט נישט געהערט וואס איך האב געזאגט?

איך האב יא, אבער איך וויל אז די זאלסט עס איבער זאגן.

איבער זאגן? אקעי איבער זאגן.

איינע פון מיינע אפיצירן האבן היינט אפגעשטעלט א קאר, די קאר האט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין א גע'גנב'טע אבער די דרייווער האט געוויזן א בעדזש אז ער ארבעט פאר די פב"א און מיין אפיסער האט אים געלאזט גיין.

יעצט רוף איך אן פרעגן צו די ווייסט עפעס דערפון.

קענסטו מיר געבן די אינפארמאציע פון די קאר, און ווי אויך די נאמען פונעם דרייווער?

ווייסט וואס זאגט לואיס, שיק מיר אהער די אפיציר וואס האט זיי אפגעשטעלט, און שיק מיט אלע אינפארמאציע מיט אים. אבער שוין!!!

די זייגער רוקט זיך...

12:00 מיטאג.

די פאליס אפיסיר איז נארוואס אנגעקומען צו די הויפטקוואטיר פון די פב"א, דארט האבן אים אפגעווארט לואיס מיט די צוויי אגענטען, און זיי האבן אנגעפאנגען צו נעמען א פינקטליכען באריכט, ווי אזוי האט די דרייווער אויסגעזען? ווי אזוי האט די צווייטער אויסגעזען, די אפיסיר האט געענטפערט לויט וויפיל ער האט געדענקט.

האבן זיי געהאט זאכן און די קאר? אויף דעם איז געווען די תירוץ אז ער ווייסט נישט וויל ער האט נישט געהאט קיין טשאנס צו קוקן און די קאר, נאכן האבן פון אים אלע אינפארמאציע האט מען אים צוריק געשיקט, און די דריי האבן זיך אראפ געזעצט אנאליזירן די אינפארמאציע.

לואיס האט גלייך געזאגט אז די דרייווער פון די קאר איז זיין געוועזענע סעקרעטאר, אלע סימנים האבן געשטימט, די אנדערע מענטש האבן זיי נישט געקענט דערגיין, אבער יעצט אז זיי האבן פלעיטס מיט א קאר אפשר קען מען נאך ראטעווען די מצב??

די גיסטע און אפיס איז געווארן אביסעל מער אויפגעהייטערט, זיי אלע רוקן זיך צו צום גרויסן סקרין מ'גייט זוכן אויף די טרעפיק קעמרעס ביי די זייגער, אויף אלע קארן וואס זענען געפארן אויפן BQE וועסט, און זיי זעהן טאקע ווי א פאליציי קאר שטעלט אפ א קאר. און ווי די אפיציר לאזט אים פארן ווייטער...

און אט זעהן זיי די קאר ווי עס פארט אזוי געמיטליך און עס דרייט זיך ארויס ביי די עקזיט.

דא האט שוין לואיס נישט געטראכט קיין צוויי, און טאקע קעגן זיין ווילן האט ער אנגערופן די הויפט פון די NYPD און זיי איינגעמאלדן אז ער גיט ארויס א נעשענל אלערט...

די קאר מיט די פלעיטס...

און איינע פון די דרייווערס רופן זיך מיטן נאמען חאמאד. זענען שוידערליכע טעראריסטן...

די לעצטע מאל מען האט אים געזען איז ער געווען מיט שווארצע האר אבער דאס איז נישט קיין ראי' ער איז בערך פינעף פיס מיט אכט אינטשס הויעך...

אויב איינער זעהט אים זאל ער גלייך זיך מעלדן צו די פב"א...

די אגענטן ביי לואיס און אפיס האבן זיך גערעגט אבער זיי האבן אויך פארשטאנען אז ווען זיי זאגן ווען אנפאנג נאכט און זיי מעלדן איין פאר די NYPD וואס די מצב איז וואלט דער חאמאד שוין געווען ארעסטירט.

ס'פאסט טאקע נישט אז די פב"א מיז צוקומען צו די נער'ישע פאליס דיפארטמאנט, אבער יעצט איז נישטא קיין אנדערע ברירה.

און לואיס איז אפילו געגאנגען מיט א סטעפ ווייטער, ער האט ארויס געגעבן די אלערט פאר אלע נייעס סטאנציע'ס...

אויב איינער זעהט די פנים אדער די קאר זאל זיך תיכף מעלדן צו די פאליציי...

די זייגער רוקט זיך...

.12:45

# קאפיטל 18

איראן.

לאמיר אביסעל צוריק גיין און זעהן צו ס'איז עפעס געווארן מיט מאחמוד'ס פארלאנג.

סיי אבאס און סיי מאחמוד זענען געזעצן אויף שפילקעס. זיי האבן געווארט אויף די פאון קאלל פון וואשינגטאן, נאך א האלבע שעה איז טאקע אריינגעקומען די קאלל און אויף די אנדערע זייט איז געווען די הויפט פון די פב"א.

די פרעזידענט איז מסכים צו די דיעל, אבער מיט א פארלאנג אז מיר מיזן אויפקומען מיט א וועג ווי אזוי דיך ארויס צו זעהן פון דארט, דערווייל ארבעטן מיר אויף א פלאן, איך האפ אז ביז פיר שעה וועל איך קענען אריין טראגן פארן פרעזידענט א פלאן און ער וועט דאס סיינען.

גוט, מ'האלט יעצט 3:07 פארמיטאג ניו יארקער צייט, אויף 3:11 0 דארף איך צוריק הערן אויב די האסט א פלאן, אויב יא און די שיקסט מיר א קאפי פון די סיגניטשער דעמאלטס בין איך גרייט צו העלפן ווייטער, דערווייל לייג איך מיך שלאפן.

פיין, עמער רעדן און אפאר שעה.

11:00

ראמאן און חאמאד האבן זיך.

אויפגעוועקט, נאכן זיך אויפפרישן פונעם קורצן שלאף האט חאמאד געזאגט פאר ראמאן אז ער זאל שוין זיך אנטוהן די אידישע קליידער און גיין איינקויפן פאר אים זיין פארשטעלעכץ, לאמיר זיך צויאגן ווייל אויף האלב איינס וויל'כ זיין אינדערויסן פון דא.

ראמאן איז אראפ צום אידיש צענטער אויף דרייצען עווע, אריין און די ערשטע דזשודעקע, איינגעקויפט אפאר זאכן ווי א קאפל און נאך.

דערווייל האט זיך חאמאד אראפ געזעצט צו פרישטיג, אנגעצונדען די טעלעוויזשאן און אויסגעהערט די נייעס, ווען ראמאן איז צוריק געקומען האט ער געהאלפן אנטוהן און

פאררעכטן אויף חאמאד די נייע זאכן און וועןביידע האבן גוט אויסגעזעהן האבן זיי זיך גענומען צאמפאקן און גרייטן צו גיין...

11:00 פארמיטאג.

טשארלי האט זיך אויף געוועקט, ער קען שוין נישט שלאפן, נאך אזוי פיל וואכן ארבעט ענדליך האלט מען שוין דא.

ער קען קוים טראכטן פונעם מארגן.

די געלט און ד כבוד וואס אזא אקציע גייט אים ברענגן... אה...

און ווער רעדט נאך פון די תענוג פון זעהן די באמבעס אופרייסן. אוי...

סארא נחת דאס גייט זיין...

ער קלערט צו זיך, זיצן דא האב איך גארנישט, בעסער וועל איך גיין צו מיין דעסטענאציע, איך וועל דארט פארקן די קאר, און ביי א גוטע געלעגנהייט וועל איך אראפ לייגן די פעקל און אנטרינען ווערן.

ער טראכט נישט קיין סאך, גייט אראפ צו די גאראדזש פונעם האטעל וועלט זיך אויס די בעסטע קאר און זעצט זיך אריין, פארט אראפ צום הויפט קוואטיר פון פב"א, פארקט די קאר א בלאק אוועק, ער מאכט זיכער אז ער האט א אויג אויף די טיר אז ער זאל קענען זען וואס טוט זיך, נעמט ארויס פון טאש זיין פאלשע שנויצען צוקעמט זיין האר אביסעל, טוט זיך אן אנדערע גלעזער, און אזוי צונדט ער אן די ראדיא מיט זיין צוגארעט'ל...

ער זיצט אזוי מיט די פיס ארויף, הערט די נייעס און רייכערט, אינמיטן הערט ער א ביפ...

ברעיקינג ניוס...

פב"א פארלאנגט הילף פון די פובליק...

ווער עס האט געזען א קאר מיט צוויי מענטשען. איינער גיט זיך אן אלס חאמאד. - טשארלי ווערט בלאס.-

זאל רופן די פב"א...

די חברה זענען סכנות'דיג. מיר בעטן יעדן. האלטס אן אויג. די נאמבער צו רופן איז 212-***_****

טשארלי נעמט זיין פאון און רופט אן חאמאד.

חאמאד האלט זיך אינמיטן פאקן, און זיין טעלעפאון קלינגט.

חאמאד דאס בין איך טשארלי, די פאליציי זוכן דיך, די גאנצע שטאט איז אויף רעדער...

מ'האט יעצט ארום געשיקט אן עמערדזשענסי אלערט. היט דיך...

זארג נישט זאגט חאמאד. די אקציע גייט ווייטער.איך וועל מיך שוין ארויס זעהן פון דא. די פלאן איז ווייטער זיך צו הייבן פינעף אזייגער.די צייט איז טייט. גיי אן. עמער זיך טרעפן און עירעפארט...

חאמאד זאגט פאר ראמאן זיך שנעל צאמצופאקן. ביידע נעמען זייערע רענצלעך גייען אריין און די עלעוועיטאר. אנשטאט צו פארן צו די לאבי האט חאמאד געדריקט בעסמענט.

זיי פארן אראפ אונטען, חאמאד גייט גראד צו צום ווייער רום, קריכט אריין פון אויבן, נאך אפאר מינוט האט ער געטראפן די ווייערס וואס זענען פאר די סוירוועליענס קעמרעס פון די בילדינג.

ער פלאגט זיי אויס. קריכט ארויס, פארט צוריק ארויף, וואקט ארויס צו די לאבי, ביי די דעסק האט ער געבעטן אז זיי זאלן אים באשטעלן א טעקסי.

די טעקסי דרייווער האט זיי געהאלפן אריין פאקן די רענצלעך און די טראנק און מ'זעצט זיך אריין און די קאר און מ'פארט.

לואיס מיט די צוויי אגענטן זעצן זיך אריין און די קאר זיי גייען אראפ פארן קיין ב.פ. זיין דארט און די רגע אויב איינער רופט אריין וועגן די קאר אדער די מענטשען...

לואיס האט נישט באמערקט די קאר וואס איז געפארקט אביסעל ארויפציער.

ווען לואיס זאל ווען וויסן אז מיט'ן יעצט ארויס וואקן פונעם בילדינג שרייבט ער זיך אינטער דאס טויט. וואלט ער געבליבן און די בילדינג...

טשארלי זעהט ווי לואיס וואקט ארויס פון די בילדינג מיט זיינע צוויי אגענטן.

אט דאס איז די געלעגנהייט אויף וואס ער האט געווארט.

ווי נאר לואיס איז אוועק געפארן האט זיך א קאר צוגעריקט צום בילדינג...

די דרייווער פון די קאר האט צוגעוואקט צום טראנק. דורך געטשעקט עפעס. און דערנאך אוועק געוואקט פון די קאר מיט ליידיגע הענט. לאזענדיג די רענצל אינעם קאר...

טשארלי האט פון דארט געכאפט א טעקסי וואס זאל אים אפטראגן קיין קענעדי עירעפארט. זיין פארט איז פארטיג...

ער וועט טאקע זיצן און עירעפארט צוויי עקסטרע שעה אבער אלעס האט זיך געלוינט...

די זייגער רוקט זיך...

12:30 מיטאג.

לואיס פארט אראפ קיין בפ, ער האפט אז מיטן ארויסגעבן די אינפארמאציע פאר די פובליק וועט ער שנעל צוריק הערן. און טאקע די זאך האט נישט געשפעטיגט צו קומען, א קאלל פון א האטעל ארבעטער האט איבער געגעבן אז ער זעהט אזא קאר מיט די לייסענס געפארקט און פראנט פון די האטעל.

לואיס צינדט אן זיינע לייטס. ער פליט אהין. אנקומענדיג דארט איז ער גראד אריין צו די האטעל פארוואלטונג און געבעטן עקסעס צו די סוירוועיליענס קעמרעס.

ער מישט צוריק אביסל די קעמרע.

אין זעהט ווי חאמאד מיט זיין שותף וואקן אריין פארטאגס צייט, מיט רענצלעך און די הענט, און זיי באקומען א רום אויפן דריטן שטאק...

לואיס האט תיכף צוגערופן די פארוואלטונג און זיי געהייסן אויסליידיגן די האטעל. קיין איינער קען זיך נישט געפונען און די האטעל האט אים לואיס מסביר געווען.

דערנאך האט לואיס אריין גערופן די באמב סקוואד.

זיי געהייסן אויסליידיגן צוויי גאסן ארום די האטעל...

ווען אלעס איז געווען ליידיג זענען אלע ארויפגעפארן צו די דריטע שטאק.

ביי רום נאמבער 3 04 האבן זיי זיך געשטעלט מיט די גאנס אויסגעצויגן.

און לואיס האט אויסגערופן הויעך.

"דאס איז די פב"א, אדער קומט איר ארויס מיט גוטן אדער גייט מען אויפרייסן די טיר.".

נאך א מינוט וואס מ'האט נישט געהערט קיין ריספאנד האט לואיס באפוילן אויפצורייסן די טיר...

אבער ווי אנטוישט איז ער געווען צו טרעפן די רום ליידיג.

קיין רענצל קיין מענטשען. גארנישט...

לואיס איז געווארן זייער כעסיג.

ער רופט צוריק די פארוואלטער און הייסט אים טשעקן צו די מענטשען האבן ארויסגעטשעקט. די תירוץ איז געווען ניין...

לואיס גייט צוריק צום קאמפיוטער ער זעצט זיך צוריק צום קעמערעס, ער מישט אביסל און אט זעהט ער ווי צוויי מענטשען וואקן ארויס פון די רום.

אבער פארשטעלט ווי אידן...

זיי גייען אריין און די עלעוועיטאר. זיי פארן אראפ. און... בום... די קעמרע לעשט זיך אויס...

א ביטערע קללה איז ארויס פון לואיס'ס מויל...

אזויפיל דורך פעלער...

רוף דיין סעקרעטארן איך וויל זיי ווייזן די פיקטשער פון די מענטשען, אפשר וועט איינער געדענקן צו די מענטשען זענען ארויס געגאנגען און ווי זיי זענען געגאנגען...

ווען דער סעקרעטארן האבן געזען די בילד האט זיך איינער דערמאנט אז אייגענטליך יא, די צוויי זענען געקומען בעטן צו באשטעלן א טעקסי...

וועלכע קאמפעני טעקסי האסטו זיי געגעבן?

די געהעריגע.

אקעי, איך גיי זיי רופן פרעגן אויב זיי האבן די רעקארדס ווי די טעקסי איז געפארן...

נאך איין טעלעפאון קאלל איז לואיס ארויסגעקומען מיט די נישטיגע אינפארמאציע אז זיי האבן געסטאפט ביי א באס סטאפ און פון דארט גענומען די סיטי באס ווייטער...

און קורצען מיינט דאס, פארלוירן טרעק...

וואס נאך ער האט פארלוירן און נישט געוויסט איז... צייט...

טייערע מינוטן זענען דורך געלאפן...

לואיס האט דערביטערטערהייט זיך צוריק אריין געזעצט און קאר צוריק צו פארן צו זיין אפיס...

"""ס'איז שוין נישטא קיין שעה צום אויפרייס...""

חאמאד האט געהייסן די טעקסי דרייווער זיך אפשטעלן ביי א באס סטאפ, פון דארט זענען זיי ארויף אויפן באס און אזוי אריין געפארן און וומסב"ג...

די זייגער האט דאן שוין געוויזן 2 :15 מיטאג.

וואס דאס מיינט אז זיי זענען שוין שפעט...

ביידע האבן זיך צוטיילט...

חאמאד גייט צו זיין לאקאציע אויף ראדני.

ראמאן גייט ווי ער דארף לייגן זיין פעקל, אויף וואלעבאוט.

ביידע לייגן אראפ די רענצל ביי די קארנערס... זיי מאכן זיכער אז די רענצל שטייט גראד...

ראמאן נעמט זיך לויפן צו די ריכטונג פון די נעקסטע באס סטאפ. ער וויל נישט דא זיין ביי די אויפרייס...

חאמאד טראכט צו זיך אז בעסער ער לייגט דאס אריין ביי די גארבידזשעס אויף לי ראדני, אזוי וועט עס נישט זיין פארדעכטיגט...

ווען ער איז פארטיג געווארן האט ער באשטעלט א טעקסי וואס זאל אים אויפפיקן און טראגן צו די ערעפארט...

איראן.

לאמיר אביסל צוריקגיין און זעהן וואס דארט האט זיך געטון פון 11 :3 0 פארמיטאג ווען מ'האט געדארפט צוריק רופן פון וואשינגטאן...

מאחמוד מיט אבאס האבן זיך דערוועקט 12:00 און זיי זעהן אז קיינער האט נאך נישט צוריק גערופן...

דערווייל האט זיך מאחמוד צוגעזצט צו אבאס'ס קאמפיוטער, און פון דארט נאכאמאל געהעקט זיין מענעדזשערס קאמפיוטער...

ער איז דערציטערט געווארן ליינענדיג דארט די אימעיל...

ס'האט זיך געליינט ווי פאלגאנד :.

פון : טשארלי.

צו :********

דערוויל פארט אלעס ווי געראכטן, מאך זיכער אז דריי אזייגער ניו יארקע צייט זאלסטו זיין ביי דיין טי ווי.

אלעס האט געקלאפט בעסער ווי געראכטן. אפאר קליינעקייטן אבער די זאך גליטשט זיך די וועג ווי מ'האט געפלאנט...

אסאך נישט גלויביגע גייען היינט שטארבן און נאמען פון גאט...

גאט איז גרויס...

עמער רעדן שפעטער...

אבאס רוף שוין צוריק קיין וואשינגטאן און זאג זיי אז די זייגער לויפט אויס.

ס'איז שוין נישטא קיין דריי שעה...

זיי זאלן בעסער אפמאכן צו זיי ווילן זיך צויאגן אדער לאזן די זאך לויפן...

חאמאד איין טובה מיזטו מיר טון, אפילו ס'געלונגט נישט צו באקומען די צוזאג פון וואשינגטאן, די מיזט מיר לאזן ווארענען מיינע פב"א קאלעגאס אז זיי זאלן נישט זיין און די בילדינג ביי די אויפרייס. איך קען נישט טראכטן אז מיינס א מיטארבעטער גייט שטארבן און איך האב געוויסט פארדעם.

איך בעט דיר לאז מיך מאכן די איינע פאון קאלל.

גוט, אבער די גייסט נישט זאגן ווער די ביזט, די גייסט דיך נישט אידענטעפאצירן.

רוף אים און זאג אים אז ער זאל אויסליידיגן די בילדינג.

ביל זיצט אינעם טרעין, ער איז שוין גאנץ דיזי פון אזוי לאנג ארום פארן...

ענדליך ווייזט די זייגער אויף 2:00 מיטאג ער פארט צוריק צו די בראדוועי סטאפ, דארט האט ער אנגעכאפט זיין רענצל אריין געווארפן און גארבידזש. פארלאזט די טרעינס, געכאפט א טעקסי צו קענעדי...

ביל,טשארלי, חאמאד, זעצן זיך אראפ און עירעפארט די זייגער ווייזט אויף 2:55 ...

יעדער האט דערציילט זיינע איבערלעבעניש...

2:57....

לואיס איז צוריק און אפיס, אנגעצויגן און פארכמורעט. זיין מוט איז און די אדמה, ער האט זיכער געמיינט אז מיט די הילף פון זיינע צוויי אגענטען וועט ער קענען כאפן די זאך, יעצט זיצט ער דא, ער ווייסט אז ס'קומט אן אטאקע און ער קען עס נישט צוריק האלטן. די מחשבה עסט אים אויף...

אינמיטן צוקלינגט זיך זיין עמערדזשענסי טעלעפאון...

ווער רופט מיך אויף דעם פאון. קיינער קען נישט די נאמבער א חוץ פינעף מענטשען...

ניטאמאל קען איך די נאמבער...

ער הייבט אויף ווילד. העלאו...

איך קען דיר נישט זאגן ווער איך בין אבער דאס אז איך רוף אויף די טעלעפאון זאל דיר דינען ווי א באווייז אז איך ווייס וואס איך רעד...

ליידיג שוין אויס דיין בילדינג און גיי אראפ צו דיין באשיצטע בונקער...

אבער שוין...

טראכט נישט קיין סאך. דיין לעבן הענגט אויף א האר...

ווער ביסטו...

א דייל טאון....

לואיס לויפט ארויס פון אפיס און מיט אומבאנומענע קולות...

חברה. קאוד רעד!!!!

אראפ און קעלער...

אבער שוין...

לויפטס...

2:59....

3:00...

.... בום....

קראך...

גלאז...

פייער...

קולות....

# קאפיטל 19

קענעדי עירעפארט.

מיט א שטראלעדיגן געזיכט הערט זיך טשארלי צו צו די ברעכענדע נייעס אז א מעכטיגע אויפרייס איז געהערט געווארן ביי די פב"א בילדינג און מענהעטען, מ'לאזט קיינעם נישט צו נאנט צו די בילדינג, פב"א האט נאך נישט ארויס געגעבן די דעטאלן צו דאס איז א טעררעריסטישע אקציע אדער א עקסידענט, צושויער האבן איבער געגעבן אז קאר וואס איז געווען ג'פארקט און פראנט פון די בילדינג האט אויפגעריסן.

אלע גאסן ארום זענען אפגעשפארט, מ'לאזט נאר צו ערשטע הילף מיט אמביולאנסן...

מ'האפט שפעטער צו וויסן מער...

אה. טראכט טשארלי צו זיך מיט פארגעניגן.ווער האט זיך געגלייבט אז ס'גייט זיך אזוי גוט אויסארבעטן.?

ער קען שוין קויםווארטן ארויס צופארן פונעם לאנד און זיך טרעפן מיט זיינע פירערס. יו ווארט מיך אפ א שיינע ברוך הבא...

און מיט א שטילע שטומע האבן זיינע קאלעגן זיך מיט געפרייט מיט אים...

די שמייכל אויף יעדן האט מעיד געווען אז יעצט האבן זיי אויסגעפירט א זאך אויף וואס זיי ארבעטן וואכן און חדזשים...

מיט אן עקסטרע תענוג האט טשארלי זיך גענומען איבערגיין די גאנצע אקציע פון אנפאנג ביזן סוף.

ווי אזוי די פלאן איז בייגעפאלן.

אנפאנג האט עס אויס געזען ווי דאס איז נאר א בייזע חלום אבער דאס וועט נישט קענען אויסגעפירט ווערן און פאקט.

די שוועריקייטן מיטן שווערצן די סחורה ארויס פון איראן. און דערנאך די פאנטשער און די וואסער, ווי ס'האט אויסגעזען ווי אלעס גייט גיין כאדאראם.

יעצט האט יעדע שווערקייט געהאט אן עקסטרע חשיבות ביי אים...

און אלע דעטאלן איבער די אקציע אויפן וואסער...

און ווי אזוי דער סעקרעטאר האט גענומען זיין בעה"ב אויף א רייד...

אלע האבן אויסגעשאסן ווען חאמאד האט זיי איבער פארציילט די קאמפלימענטן וואס ער האט דאן באקומען פון זיין בעה"ב פארן אויסטרעפן אזא איידיע...

דערנאך האט ביל דערציילט זיינע איבערלעבענישן אינעם שפיטאל...

אלע האבן באוויינט מייק. ווי שטארק ער וואלט זיך ווען געפרייט מיטצוהאלטן די פרייליכע ענדע...

טשארלי געט א קוק אויפן זייגער און רופט זיך אן, אקעי ס'ווערט שפעט איך דארף נאך שרייבן אן אימעיל און דערציילן פארן הער ווי אזוי אלעס איז דורך.

איראן.

לאמיר צוריק גיין אפאר שעה און זעהן וואס ס'איז למעשה געווארן ביי מאחמוד און אבאס.

די זייגער האט זיך גערוקט שנעלער ווי זיי האבן געוואלט אבער פון וואשינגטאן האט מען נאך גארנישט צוריק געהערט.

ביידע זענען געזעצן אויף שפילקעס.

הערשט 2:15 האט זיך די טעלעפאן צוקלינגען אויף די אנדערע זיי איז געווען די פב"א הויפט מיט די פרייליכע נייעס...

ער איז יעצט אויפן וועג צום פרעזידענט מיט א פלאן, ביז צעהן מינוט דארף דאס צו זיין אינטערגעשריבן פונעם פרעזידענט...

צעהן מינוט איז צו לאנג זאגט מאחמוד, אויב דארף איך מיך נעמען ארבעטן וועט דאס נעמען מער ווי א דריי פערטל שעה. די צייט איז שוין יעצט אזוי אויך זייער אנגעשטרענגט. מיט נאך צעהן מינוט וועט דאס זיין אוממעגליך...

שוין ווייטער ביסטו נישט צופרידן און די זוכסט מיר איינצוטיילן וואס איך האב צוטוהן?

ניין זאגט מאחמוד, איך געב דיר נאר איבער די טרוקענע פאקט.

איך הער וואס די זאגסט, ווארט אויף מיין פאקס.

2:17 האט זיך די פאקס מאשין צופיפן, עטוואס שענעלער ווי גערעכטן.

מאחמוד ליינט עס אפ און רוף זיך אן פאר אבאס...

איך בין גרייט...

מאחמוד זעצט זיך צו צום קאמפיוטער און זאגט פאר אבאס, לאמיר דיך מסביר וואס איך פלאן צו טוהן...

די אלע באמבעס ארבעטן קאמפיוטערייזד, יעצט אויב קען איך טרעפן די אינפארמאציע מיט וואספארא צוזאמשטעל און מיט וואסערע סיריעל נאמבערס זיי האבן געמאכט דעם באמבע קען איך זייער פשוט נעמען די קאמפיוטער און אים צומישן...

ס'הייסט, אז אויב די קאמפיוטער איז אנגעשטעלט אז ווען ס'קומט צו די ספעציפישע זייגער זאל עס אויפרייסן דאן קען איך מאכן אז די זייגער זאל זיך אפשטעלן אזוי אז ס'זאל נאך זיין צייט אוועק צו נעמען די סחורה פאר ס'רייסט אויף.

דאס איז בערך מיין פלאן.

ס'האט א קליינע טשאנס אז ס'זאל זיך נישט אויסארבעטן אבער איך גלייב אז ס'גייט גיין.

אקעי, ס'איז א שאד יעצט צו שמוסען, לאמיר זיך נעמען ארבעטן. קען איך דיר עפעס ארויס העלפן? פרעגט אבאס.

נישט עכט, מאך נאר העכער די עיר קאנדישן...

די זייגער ווייזט שוין אויף 2 :3 0 די טעלעפאון צוקלינגט זיך, די פב"א הויפט וויל וויסן צו די מ'האט שוין עפעס אנגעפאנגן צו טוהן, אבאס זאגט אים אז מ'ארבעט, און מ'האפט אז מ'וועט אלעס קענען אפשטעלן באצייטנס...

2:35

אקעי רופט זיך מאחמוד אן. איך האב די אינפא...

יעצט גיימיר פראבירן צו מ'קען דאס אויסשאלטערן פון דא.

ס'איז דא א קליינע טשאנס אז די באמבע זאל ווערן צומישט און אויפרייסן לוינט זיך דאס?

יא, זיכער זאגט אבאס, וואס ווען מיר דערלייגן? פון נישט פראבירן ווען מיר זיכער דערלייגן.

2:40

ער לאזט זיך נאכנישט...

ס'איז גאר מאכטפולע באמבעס. ס'האט אויף זיך אפילו דזשי פי עס.

וואס דאס איז גוטע נייעס איך וועל ראנען די פייל און זעהן ווי די באמבעס ליגן.

אבער אויף יעצט דארף איך קודם אסאך רחמים אז איך זאל קענען ברעכן די קאודס...

2:47

אקעי, זאכן נעמען זיך רוקן ביז א מינוט צוויי בין איך פארטיג מיט איין באמבע.

וואס הייסט די האסט דאך נאך דריי צו מאכן און די האסט נישט קיין גאנצע צען מינוט.?

איך ווייס, וואס זאל איך טוהן??

איך האף אז יעצט וועט שוין נעמען שנעלער אביסעל...

אקעי, די ערשטע באמבע איז געהעקט!

ס'איז אלעס גוט דורך.

יעצט די פייל ווי אלע באמבעס ליגן איז פארטיג.

איך וויל קודם ארויסנעמען פון באניץ די באמבעס וואס ליגן און פובליק פלעצער.

2:53

די צווייטע באמבע איז פארטיג...

איך גיי נישט מאכן אלע פיר!!!...

2:56

רוף אן די פב"א און זאג זיי אז זיי זאלן שוין פארלאזן די בילדינג...

איך גיי נישט אנקומען צו יענע באמבע...

אפשר גייסטו קודם צו די פב"א באמבע פאר די גייסט צו די אנדערע?

ביסטו פארריקט? איך זאל ענדערש הארגענען צווילע מענטשען? קיינמאל!

2:59

די דריטע באמבע איז פארטיג...

יעצט קוק גוט אויפן סקרין...

3:00...

בלענק....

די זעהסט. די פערדע פייל איז געווארן בלענק. דאס מיינט אז די באמבע ביי די פב"א בילדינג האט אויפגעריסן...

יעצט, איך האף אז יעדער איז אנטלאפן גענוג צייטליך...

מאנהעטען פב"א בילדינג.

2:57.

יעדער איינער שוין אראפ און בונקער...

קאוד רעד...

דאס איז נישט קיין טעסט...

לויפטס...

געגאנגען...

אראפ...

אראפ...

שפאר צו די טיר...

בום....

די בילדינג שאקלט זיך...

די לעקטער קראכט... גלאז פליט...

א פייער ברעכט אויס...

די ספרינקלערס שפריצן...

יעדער פאלט צום ערד...

זאכן אויבן טראסקענען...

נאך פינעף מינוט האט זיך די רויעך אביסל אויסגעקלארט, לואיס האט שנעל גענומען עטענדענס צו יעדער איז דא...

ס'האט זיך ארויס געשטעלט אז יעדער איז געראטעוועט אויסער איין ארבעטער וואס האט נישט עספיעט אריין צו לויפן און בונקער...

אלע האבן טאקע געהאט שניטן און שטויב אויף זיך אבער קיינער איז נישט ערענסט געשעדיגט געווארן...

לואיס האט נישט געהאט קיין אנונג ווער דער איז געווען וואס האט אים אריין גערופן ווארענען פארדעם?

ווער איז יענער? איז ער א חלק פון די טעראריסטן? קען נישט זיין, ווייל ווען יא וואלט ער אים זיכער געלאזט געהארגעט ווערן, אבער אויב האט ער יא געוויסט וועגן די באמבע פארוואס האט ער נישט געלאזט וויסן פארדעם?

טויזענטער קושיות האבן זיך געדרייט און זיין קאפ...

פב"א הויפטקוואטיר און וואשינגטאן.

3:00.

העלאו דא רעדט מאחמוד פון איראן.

איך וויל דיר נאר זאגן אז דריי באמבעס האב איך עספיעט אויסצושאלטערן, די פערדע האט יא אויפגעריסן...

ווי איז די פערדע באמבע וואס האט אויפגעריסן?

אינעם פב"א בילדינג און מאנהעטען...

די ביסט משוגע??

זארג נישט, איך האב אריין גערופן פארדעם אז זיי זאלן פארלאזן די בילדינג...

אקעי דעמאלטס לאז מיך אים שוין קאלן זעהן צו ער האט עס איבער געלעבט.

ניין!!!

פאר די רופסט אים דארפן מיר נאך רעדן.

לויט ווי אזוי איך פארשטיי, -איך האף באלד צו האבן מער קלארערע אינפארמאציע- גייען די טעראריסטן היינט פארלאזן אמעריקע, אבער אויב גייען זיי געוויר ווערן אז די אקציע איז דורך געפאלן גיין זיי זיך לויפן באהאלטן. וואס איך האלט מ'דארף יעצט טון איז, שפילן כאילו דא איז געווען א ערענסטע אטאקע...

מ'זאל קיינעם נישט צולאזן צו די בילדינג.

איך פארשטיי אז די רעפארטערס גייען שטיין ארום און זוכן ווי זיי קענען באקומען עפעס אינפארמאציע, די דארפסט זיי פיטערן מיט אן ערענסטע פנים כאילו ס'איז דא טויטע און מאסן פארווינדעטע. אזוי אז די טעראריסטן וואס האלטן מיט די נייעס -וואס איך בין זיכער אז זיי טוהן- זאלן זיין זיכער ביי זיך אז די אקציע איז געווען א פולע סוקסעס, אזוי איז די טשאנס זייער גוט אז מ'זאל זיי קענען כאפן.

זאגסט גוט, לאמיר אונז צוזאמען אנרופן און הערן די ערשטע באריכטן, און איבער געבן אונזער זייט פון די מעשה.

לואיס'ס עמערדזשענסי טעלעפאון קלינגט, אויף די איידי זעהט ער אז זיין בעה"ב זוכט אים.

ער הייבט גלייך אויף, די ערשטע קשיא פרעגט אים זיין בעה"ב צו יעדער איז אקעי?

יא, א חוץ איינער האט עס יעדער געמאכט, איין זאך פארשטיי איך אבער נישט, ווער איז דער וואס האט מיך אריין געקאלט?

דאס בין איך געט זיך מאחמוד א רוף אן, איך בין אויך אויף די ליין, איין טאג וועלן מיר זיך טרעפן און איך וועל דיר אלעס מסביר זיין.

יעצט הער אויס וואס די פלאן אויף ווייטער איז, אבער דו דארפסט מיטשפילן.

די טעראריסטן האבן אויסגעלייגט פיר באמבעס, דריי דערפון האב איך געמאכט נישט ארבעטן, דיינס בין איך שוין נישט אנגעקומען צו מאכן וועגן דעם האב איך דיר גערופן אז די זאלסט שוין זוכן שוץ.

יעצט, די טעראריסטןווארטן יעצט צו הערן און די נייעס אז די אקציע איז געלונגען, די מיזט שפילן אז דאס ערגסטע האט דיר געטראפן.

איך פארשטיי אז ס'פאסט נישט אבער ס'איז נישטא יעצט קיין צוויי ברירות.

לאז אריין ווי מער אמביולאנסן, זאלן זיי ארויס פורן זיבן מענטשען אויף בעטלעך, מאך זיכער אז די נייעס אגענטורן כאפן עס אפ...

דערווייל האף איך צו טרעפן ווי די טעראריסן זענען יעצט, איך האף אז ביז א שעה וועלן זיי זיין אינטער די פב"א'ס הענט...

געגאנגען, נעם דיך שפילן די געים...

פיין, איך פאנג אן די שפיל.

לואיס לייגט אראפ, מאחמוד איז געבליבן אויפן ליין מיטן פב"א הויפט.

שיק אראפ שטילערהייט אפאר פון דיינע אגענטען אויפצוהייבן די באמבעס פון וויליאמסבורג, מאך נישט קיין טומל, איך האף דיר צוריק צו רופן ביז אפאר מינוט מיט אפדעיטס ווי די טעראריסטן זענען.

גוט. די ווייסט אז איך פאלג דיך היינט ווי א טאטעלע זאגט די פב"א הויפט מיט א שמייכל.

יא, ענטפערט מאחמוד, וואס צייטן ברענגען צו...

פיין, איך ווארט אויף דיין קאלל.

מאחמוד העקט אריין צו זיין מענעדזשערס אקאונט און ליינט דארט די אימעיל וואס איז יעצט אריין געקומען פון טשארלי :.

אונז זעמער דא צוזאמען אלע דריי.

ראמאן האט מיך גערופן פאר זיין געלט, איך האב אים געזאגט אז ער זאל מיך צוריק רופן שפעטער.

מיר זיצן דא צוזאמען און אונז האלט מיר מיט אויף די נייעס ווי אזוי מ'טראגט ארויס בעטלעך פונעם פב"א בילדינג ס'איז א פארגענוגן וואס איז נישט מעגליך צו באשרייבן.

יעצט זיצן מיר און מירווארטן אויף די מינוט וואס מיר וועלן גיין צום געיט.

די פליגער איז ג'סקעדזשעלד זיך צו הייבן פינעווע.

איך האב געטשעקט און דערווייל הייסט עס אז פלייט # 115 האט נישט קיין דילעיס.

דער אלמעכטיגער איז געווען אויף אונזער זייט...

עמער זיך זעהן...

מאחמוד ענדיגט ליינען און רופט גראד צוריק די פב"א הויפט און דערציילט אים וואס ער האט געליינט.

און קורצן מיינט דאס אז די חברה פארלאזן דאס לאנד ביז א שעה.

דאס איז נישט קיין פראבלעם, איך קען אפהאלטן די פליגער פון ארויספארן זאגט די פב"א הויפט.

אבער זאג פאר די עירעפארט אז זיי זאלן נישט אויסרופן די דילעי, נאר פארן פילאט זאלן זיי זאגן אז ער זאל נישט ארויספארן פאר ער באקומט די אקעי פון דיר.

און טאקע אויפן פליגער איז די בעסטע זיי צו כאפן, דארט קענען זיי נישט טראגן קיין וואפן.

גערעכט, איך האב נישט געקלערט פון דעם.

גוט, איך רוף יעצט אריין די באאמטע זאגן אז פלייט 115 קען זיך נישט הייבן אן מיין אויטאריטעט.

אבער דא איז דא נאך א פראבלעם וואס מיר האבן ביז יעצט נישט געכאפט רופט זיך מאחמוד אן, איינע פון די טעראריסטן זענען אויף די פריי, איך ווייס נישט פארוואס, אבער אויפן אימעיל שרייבט ער אז זיי זענען דריי.

און ער שרייבט אז די פערדער בעט זיין געלט...

דאס טויג נישט...

נישט געזארגט, זאגט די פב"א הויפט, ווי נאר איך וועל האבן די דריי וועלן זיי מיר ארויס געבן ווי דער פערדער איז, אויף דעם בין איך נישט באזארגט.

איך בין יא זאגט מאחמוד, אבער עניוועי, די מאך זיכער אז די פארסט יעצט ארויס צום עירעפארט, רוף מיך ווי נאר זיי זענען פארכאפט...

מ'דארף מיר אנפאנגן צו טראכטן וועגן מיין אנטלויפס פלאן...

יא זיכער! איך וועל דיך צוריק רופן שפעטער.

טשארלי'ס טעלעפאון צוקלינגט זיך.

ראמאן איז אויף די ליין.

טשארלי, זאגט ראמאן שטילערהייט, איך ווייס דו מיינסט אז איך רוף דיר וועגן מיין געלט, אבער דאס איז נישט פארוואס איך רוף דיר יעצט.

איך רוף דיר צו זאגן אז ס'איז גרויסע צרות...

די אנדערע דריי באמבעס האבן נישט אויפגעריסן...!!!!

איך בין יעצט דורך געפארן די פלאץ אלע באמבעס ליגן אויפן גאס אומבארירט, און נאך מער, אבזעווירנדיג די פלאץ האב איך געזען א קאר אנקומען און דריי אומאידענטעפאצירטע מענטשען האבן ארויס געוואקט פון די קאר און אריין געלייגט די רענצל און די בעק און אוועק געפארן...

דאס מיינט אז זיי זענען אויף אונזערע טריט.

איך מיין אז די זאלסט נישט יעצט פארן. ס'איז גאר מעגליך אז די ביסט שוין יעצט ג'טרעפד אבער אויב נישט מיין איך אז די זאלסט שוין אנטלויפן...

טשארלי איז בלאס...

ער האט נישט געקענט גלייבן וואס זיינע אויערן הערט...

ער איז געווען זיכער אז ער איז פארטיג...

אבער יעצט איז נישט קיין צייט פון קלאגן מ'דארף טוהן צו די זאך.

נאך א קורצע מיטינג מיט זיינע דריי קאלעגס איז געבליבן אז מ'הייבט זיך שוין אויף און מאנטלויפט...

קיין ווי?

דאס וועט מען שוין באלד זעהן...

אבער קודם ארויס פון דא...

טשארלי האט זיך גענומען לויפן צו די טיר...

ווי נאר זיי זענען געווען אינדערויסן האט טשארלי ארויס גענומען זיין פאון און געשיקט א אימעיל קיין איראן.

די פאר טריקענע ווערטער.

"פלענער געטוישט, דעטאלן וועלן נאכפאלגן".

מאחמוד זיצט ביים קאמפיוטער און ס'פאפט אריין אן אימעיל פון טשארלי אז ער טוישט פלענער...

פאר מאחמוד איז דאס געווען זייער פארדעכטיגט.

ער רופט אן לואיס און זאגט אים אז עפעס טויג נישט, די חברה אנטלויפן פונעם עירעפארט...

ער זאל שוין אראפ פארן זעהן וואס דארט גייט פאר, לואיס זאגט אים אז ער איז דא ביי די עירעפארט, אבער ער ווייסט נישט וועלכע קאר זיי זענען ווייל ס'איז דא זייער אסאך קארן וואס פארן ארויס יעדע מינוט.

מאחמוד זאגט אים אז ער האט אן עצה, אבער זייער אן איינגעשטעלטע.

איך בין עס גרייט צו טוהן ווייל איך גלייב אז ביז פיר און צוואנציג שעה גיי איך שוין נישט זיין און די לאנד, איז ווער? פרעגט מאחמוד.

איך האפ אז ווי נאר איך האב די פאר טעראריסטן און מיין באזיס וועל איך מיך אריין לייגן און דיין רעטונגס אקציע, די פלאן איז דא, מ'דארף נאר באארבעטן די דעטאלן.

אקעי, סא וואס איך גיי יעצט טון איז, איך גיי ריפלייען צו די אימעיל און אים פרעגן אלע דעטאלן, אבער...

דאס מיינט אז מיין מענעדזשער גייט תיכף זעהן אז איינער שפילט מיט זיין אקאונט...

אויב זיצט ער ביים קאמפיוטער דעמאלטס איז די ריסק גאר גרויס...

ער וועט גראד זעהן אז איינער טשעט און זיין נאמען...

די האלטס אז עס לוינט זיך?

יא זאגט לואיס.

איך בין פינעף מינוט אוועק פון זיי, די רגע וואס די ווערסט מיר געוויר זייער דעסטענאציע שיק איך אהין א מיליטער...

איך בין יעצט אויסן זיי צו כאפן פאר יעדן פרייז...

גוט.

מאחמוד האט אפגעמאכט אז ער נעמט א טריט ווייטער, ער רופט אן זיין מענעדזשער פונעם בונקער...

און מיט א שמאטע אויפן טעלעפאון זאגט ער פארן מענעדזשער :.

הער מיך אויס...

לויף יעצט אהיים ווייל ביז פינעף מינוט גייט איינער זיך אריין כאפן ביי דיר אינדערהיים איך מיין אז די ווילסט דארט זיין פאר יענער קומט אן.

אויב ווילסטו זעהן אז איך ווייס וואס איך רעד : אטאקע און אמעריקא איז געווען א דוירעכפאל!

יעצט פאלג וואס איך זאג און גיי אהיים...

מאחמוד'ס מענעדזשער איז געווען שאקירט פון וואס ער האט געהערט, ער האט נישט געטראכט קיין צוויי און גערופן צוויי פון זיינע באדי גארדס אז זיי זאלן מיטקומען מיט אים און ער איז אהיים געלאפן זעהן וואס ער גייט פאר...

מאחמוד האט אויסגעניצט די געלעגנהייט און צוריק געפרעגט טשארלי וואס עס גייט פאר. און ווי ער גייט יעצט, און וואס זיין פלאן אויף ווייטער איז.

טשארלי זיצט און די קאר, זיין טעלעפאון צודריזעלט זיך, ער זעהט א אימעיל פון זיין בעה"ב.

ער האט נישט יעצט קיין צייט געהעריג צו ענטפערן, ער ריפלייעט צוריק.

איך וועל דיך צוריק רופן פון מיין האטעל...

מאאמוד זעהט די אימעיל, ס'איז נישט גוט, דער ענטפערט נישט קיין דעטאלן...

מאחמוד ווערט גערעגט.

איך האב דיר געפרעגט דריי קושיות און איך וויל א תירוץ אויף זיי פארשטאנען?

טשארלי ליינט די אימעיל, עפעס איז דאס נישט זיין בעה"ב...

ער האט נאך קיינמאל נישט געזען אים אזוי שרייבן.

זיין קאפ נעמט זיך שפינען. אפשר איז דאס נישט מיין בעה"ב.?

עה. וואס גייט פאר מיט מיר, אויף יעדע זאך גיי איך יעצט קלערן אז ס'איז פארדעכט'יגט? בין איך אינגאנצן צודרייט?

ער ענפערט און קורצן.

איך ווייס נישט וואס איז געשעהן.

איך גיי יעצט צו מעריאט און מענהעטן.

דארט וועל איך זעהן וואס מיין פלאן איז ווייטער.

מאחמוד דארף נישט מער ווי דעם, ער רופט אן לואיס און זאגט אים אז די דעסטענעישען איז מעריאט און מענהעטען.

אקעי, איך בין דארט נאך פאר זיי, די האטעל גייט זיין ארום גענומען נאך פאר זיי גייען אנקומען דארט.

ווי נאר זיי טשעקן אריין און די רום'ס און אלע וועלן זיין און איין צומער גיי איך זיי פארכאפן...

פיין, לאז מיך וויסן ווי נאר זיי זענען אונטער דיינע הענט.

גוט, עמער רעדן.

לואיס לאזט זיך ארויס צום האטעל, ער הייסט זיינע מענטשען ארום נעמען דעם האטעל פון אלע זייטן אבער נישט אז ס'זאל זיין פארדעכטיגט.

לואיס פאר זיך איז געבליבן זיצן און די קאר ווארטענדיג צו זעהן די טעקסי אנקומען.

נאך צעהן מינוט איז די טעקסי טאקע אנגעקומען, די דריי חברה האבן ארויס שפאצירט פונעם קאר, און אריין אינעם האטעל לאבי בעטן פאר א רום, דער סעקרעטאר ביים קאונטער האט זיי געגעבן א רום אויפן פיפטען שטאק.

לואיס האט זיך געכאפט אז ער קען נישט צו לאנג ווארטן, ווייל און יעדע מינוט קען געשעהן אז מאחמוד'ס בעה"ב זאל צוריק קומען און אפיס און זעהן אז איינער האט זיך געשריבן דורך זיין אימעיל, און ער וועט גראד אלאמירן טשארלי...

דאס מיינט אז מ'דארף שוין נעמען עקשאן!!!

לואיס געט ארויס די באפעל פאר זיינע אגענטען וואס האבן זיך געדרייט אינעם האטעל, אז ווי נאר זיי גייען אריין אינעם עלעיוועטאר זאל מען סטאק מאכן די עלעוועיטאר, און פון דארט זיי ארויס שלעפן...

צו מיט גוטן צו מיט בייזן...

טשארלי, גייט צו צו די עלעוועיטארס, ער דריקט די עלעוועיטאר, ער האט נישט אויפגעפאסט אז די אלע וואס זענען געשטאנען מיט אים ווארטענדיג אויף די עלעוועיטאר קיינער פון זענען נישט קיין האטעל געסט...

זיי אלע זענען דא פאר איין ציל...

עלעוועיטאר B קומט אן, טשארלי מיט זיינע צוויי חברה גייען אריין...

די טיר פונעם עלעוועיטאר מאכט זיך צו...

טשארלי באקומט א דריזל...

זיין טעלעפאון צודריזלט זיך...

די אימעיל ליינט זיך און אפאר ווערטער...

פון : דיין בעה"ב.

צו : טשארלי.

טויש דיינע פלענער...

די ווערסט נאכגעפאלגט...

רוף מיך ווען די ביסט זיכער אז קיינער הערט זיך נישט צו...

און יענע רגע איז אויס געפארן די מעסעדזש צו אלע פב"א אגענטן.

""" עקשאן""".

די עלעוועיטאר געט זיך א שטעל אפ...

אלע פון די זעקס מענטשען וואס זענען געשטאנען אינעם עלעוועיטאר האבן ארויס געשלעפט זייערע גאנס און אינטער א אויגן בליק האבן זיי ארויף געווארפן קייטלעך אויף אלע דריי.

חאמאד האט יא פראבירט צו שטעלן א שטיקל ווידער שטאנד, אבער פון די דאך זענען געקומען צו טאנצען נאך אגענטען...

ווי נאר אלע דריי זענען געווען אינטער קייטלעך האבן זיי אריין גערופן לואיס דערציילן די גוטע נייעס.

עענדליך האט זיך לואיס ערלויבט צו געבן א שמייכעל, און פארלאנגט אז מ'זאל זיי אראפ ברענגען צו אים.

ערווארט און די לאבי פונעם האטעל.

דערווייל האט לואיס אנגערופן זיין בעה"ב און אים דערציילט די גוטע נייעס...

אויך האט ער אנגערופן מאחמוד און אים געזאגט אז זיי זענען שוין אונטער זיינע הענט, לואיס האט אים דערציילט און קורצן ווי אזוי די אקציע איז פארגעגאנגען.

מאחמוד זאגט אים אז ער זאל נעמען טשארלי'ס טעלעפאון וועט ער זעהן ווי מזל'דיג ער איז געווען, ווייל א רגע פארן אנפאנגען די אקציע האט טשארלי זיך דערוויסט אז מ'איז אויף זיינע טריט...

אויך האט אים מאחמוד דערמאנט אז ס'איז דא נאך איינער וואס דרייט זיך ארום אויף די פריי, און לואיס זאל זיכער מאכן אז דער יעניגער ווערט אויך דערווישט.

ווען אלע דריי זענען אנגעקומען און די לאבי האט לואיס גלייך קודם צוגעוואקט צו זיין געוועזענע סעקרעטאר וואס היינט האט ער זיך שוין געריפן חאמאד, און מיט אויגן פול מיט האס. האט ער אים אריין געקוקט און פנים און כעס'יג געפרעגט.

די אומפארשעמטער פאררעטער.

די שעמסט דיך נישט מיר צו קוקן און פנים?

די האסט מיט דיינע בליטיגע הענט דערהארגעט צוויי אומשילדיגע מענטשען.

און די ביסט געווען גרייט צו הארגענען טויזענטער מער.?

ווען די גייסט פון דא ארויס, קוק גוט אויפן זין ווייל דאס גייט זיין די לעצטע מאל וואס די זעהסט עס.

איך וועל איבער דרייען יעדע שטיינדל זיכער צו מאכן אז די באקומסט דיין פארדינטע שטראף!

דערנאך האט לואיס צוגעוואקט צו טשארלי.

און אים געפרעגט מיט א גיפטיגן שמייכל.

ס'איז דיר געלונגען ביז יעצט הא?

האסטו טאקע געמיינט אז ס'וועט דיר געלונגען צו אנטלויפן פון לאנד??

דיין טויט שטראף איז א פאקט!!

ער האט געהייסן זיינע אגענטן אויסצוטאפן די טאשן פון יעדעם.

לואיס האט גענומען טשארליס'ס טעלעפאן, דארט האט ער טאקע געזעהן די אימעיל פון וואס מאחמוד האט גערעדט.

ער האט זיך געפרייט ווי מזל'דיג ער איז דאס מאל געווען.

לואיס הייסט זיינע אגענטן אז זיי זאלן אפפירן די דריי טעראריסטן צו די ניו יארקער פב"א בילדינג ווייל זיין בילדינג איז געווען פאר'חורבה'ט.

לואיס איז אויך אראפ געפארן צו די ניו יארקע הויפט קוואטיר, ער האט צוגערופן די צוויי אגענטן וואס זענען געשיקט געווארן פון וואשינגטאן פאר אפאר טאג צוריק אים ארויס צוהעלפן מיט די אקציע.

ער האט זיך שטארק באדאנק פאר זיי, און זיי געבעטן אז זיי זאלן דא זיין מיט אים נאך אפאר שעה ווי לאנג די פערטע טעראריסט גייט זיין ארעסטירט.

די צוויי האבן געזאגט פאר לואיס אז זיי פילן זייער שלעכט פאר אים אז זיי האבן נישט געקענט דעליווערן די דזשאב ביז אהער, אבער דאס מאל זאל ער זיי איבער געבן די זאך.

זיי זאגן אים צו אז זיי גייען אים ברענגען פאר לואיס ביז אפאר שעה, אבער דערווייל זאל זיך לואיס אראפ לייגן, זיי גייען אים אויפוועקן ווען זיי האבן אים.

די צוויי האבן גענומען טשארלי'ס טעלעפאן און מיט דעם געשיקט א טעקסט פאר ראמאן אים פרעגן ווי ער איז.

ראמאן האט תיכף צוריק געענטפערט אז ער איז אויפן וועג צו מענהעטען, ער וויל גיין קוקן ביי די פב"א בילדינג צו דארט האט עס יא געהעריג אויפגעריסן.

אקעי איך בין אויך און מאנהעטען איך האב די געלט פאר דיר, עמער זיך טרעפן ביי די גאס נעבן די פב"א בילדינג.

גוט איך בין דארט ביז פינעף מינוט זאגט ראמאן.

מיר וועט עס נעמען פיפצען ריפלייעט טשארלי.

גוט איך וועל דיר אויסווארטען.

ביידע אגענטען זעצן זיך אריין און די קאר, צינדען אן די לייטס און נעמען זיך פליען אריבער קיין מאנהעטען.

אנקומענדיג נאנט צו די בילדינג האבן זיי פארלאשן די לייטס און שטאטערהייט צוגעפארן צו די קארנער ווי ראמאן האט געווארט.

ביי די קארנער זעהן זיי טאקע ווי איינער זיצט אוןווארט און זיין קאר, זיי זענען נישט געווען זיכער אז ער איז דאס פישל.

זיי טעקסט'ן אים ווי ער איז ער ענטפערט אז ער זיצט און די גרעי קאר ביי די קארנער.

די אגענטן פארקן זייער קאר אינטער ראמאן'ס קאר, זיי וואקן ארויס צו אים זיי האבן אים געבעטן אראפצולאזן די ווינדאו ווייל זיי ווילן אים עפעס פרעגן.

ראמאן לאזט אראפ די ווינדאו און די פב"א אגענט נעמט ארויס זיין בעדזש און צייגט אים אז ער זאל זיך אינטער געבן...

ראמאן קלערט נישט קיין צוויי, ער געט א דריק אויפן געז פעדל און מיט א קוויטש פליט זיין קאר אוועק פון דארט...

ביידע אגענטן לויפן צוריק צו זייער קאר און א געיעג האט זיך אנגעפאנגען אויף די מאנהעטן גאסן...

ראמאן זעהט און שפיגל אז די חברה ווערן נענטער, און אט פארט ער ארויף אויף סעקאנד עווע וואס דארט גייט ער נישט קענען געהעריג פארן ווייל די טרעפיק ערלויבט נישט צו פליען.

ער געט א שפרינג ארויס פון זיין קאר און נעמט זך לויפן מיט די פיס...

די אגענטן זעהן אז ער האט איבער געלאזט זיין קאר.

זיי שפרינגן אויך ארויס און נעמען זיך נאך לויפן, שיסן האבן די אגענטן נישט געקענט ווייל די גאס איז געווען פיל מיט מענטשען.

ראמאן לויפט מיט אן אימפעט.

אבער די צוויי אגענטען זענען בעסערע לויפערס ווי ער.

אבער צו זיין גוט מזל זעהט ער ווי איינער האט זיך אפגעשטעלט מיט זיין קאר ביי א ניוז סטענד וועלענדיג קויפן א צייטונג, צו יענעמ'ס מזל האט ער געלאזט די קאר אנגעצינדען מיט די שליסלעך.

ראמאן קלערט נישט קיין צוויי, געט א שפרינג אריין און די קאר...

יעצט איז ער פאראויס און די גיעג, זיינע נאכלויפערס זענען מיט די פיס און ער האט א קאר...

די אגענטן זעהן זייער בראך.

זיי כאפן ארויס די גאן, און מיט א אויסטערלישע פינקטליכקייט האבן זיי באוויזן צו שיסן די פאדערשטע רעדל פונעם קאר...

דאס האט פאראורזאכט אז די קאר האט פארלוירן קאנטראל...

זיך איבער געדרייט...

און די קאר האט זיך גענומען ברענען...

די קאר האט אויפגעריסן און פלאמען...

מיטנעמענדיג מיט זיך ראמאן.!!

די אגענטן האבן נישט צופיל געקלאגט נאך אים, אוודאי וואלטן זיי געקענט באשטיין אים צו האבן לעבעדיג, אבער דאס אז ער איז שוין נישט צווישן די לעבעדיגע דאס איז א זאך וואס האט זיי נישט געשטערט.

זיי האבן אנגערופן לואיס.

נו, עטס האטס שוין דעם פישל?

ניין ענטפערט די אגענט.

און און קורצען דערציילט ער פאר לואיס וואס ס'איז פארגעגאנגען.

נישט געפערליך זאגט לואיס.

ער האט במילא נישט אויסגעזען ווי עפעס אן ערענסטע פישל, ער האט אויסגעקוקט ווי א פשוט'ער ארבעטער פאר געלט.

אקעי, קומטס ביידע צוריק אהער, איך וויל עטס זאלטס ענק אראפ לייגן ווייל מארגן אינדערפרי דארפן מיר אלע פארן קיין וואשינגטאן.

די הויפט וויל האבן א מיטינג מיט אונז און הערן אלע פרטים וואס דא איז געגאנגען אזוי שלעכט.

ס'ווארט אונז לכאורה אן ערענסטע אויספארשונג...

ביידע אגענטן האבן זיך צוריק געקערט צו די באזע, דארט האבן זיי באקומען א שטוב ווי זיי זאלן זיך קענען לייגן שלאפן.

ביידע זענען גלייך איינגעשלאפן ווי נאר זיי האבן צוגערירט די קישן, לואיס איז אהיים געפארן זיך צולייגן פאר די נאכט.

די נעקסטע אינדערפרי האט לואיס באקומען א קאלל פון וואשינגטאן אז די מיטינג איז אפגעשטיפט מיט א טאג.

לואיס מיט די צוויי אגענטן האבן גענומען די טאג פאר אן אפרי טאג.

זיי זענען צוזאמען ארויס פאר א לאנטש.

דערנאך זענען זיי צוגעפארן צו זייער הויפקוואטיר און מענהעטען זעהן ווי מ'האלט מיט די איבער בוי.

זיי האבן הנאה געהאט צו זעהן אז די אינדערויסן איז שוין כמעט פארטיג.

אזוי האבן זיי דורך געשטופט דעם טאג.

ביז די נעקסטע אינדערפרי ווי זיי האבן צעהן אזייגער זיך ארויס געלאזט קיין וואשינגטאן.

לאנדענדיג און וואשינגטאן האט זיי אפגעווארט אן איבערראשונג...

דזשים (בנימין) האט זיי אפגעווארט אינעם עירפארט...

בנימין האט נאך אויסגעזען זייער שוואך, און איז געזעצן און א וויל טשעיר, אבער א שמייכעל האט ער געהאט אויסגעצויגן אויף זיין פנים.

ווי נאר לואיס האט אים געזען איז ער ארויפגעפאלן אויף אים...

ביידע האבן זיך צעוויינט...

דזשים האט מיט א הייזעריגע שטימע זיך באדאנקט פאר לואיס פארן ראטעווען זיין לעבן.

אויך האט ער באדאנקט די צוויי אגענטן אז און שפיטאל האבן זיי געראטעוועט זיין לעבן.

דזשים האט נאר געוואלט וויסן צו די טעראריסטן זענען שוין ארעסטירט און צו מ'ווייסט מער אינפארמאציע.

לואיס האט אים מסביר געווען אז ער איז נאך צו שוואך פאר דעם.

און לואיס האט אים פארשפראכן אז ווי נאר דזשים וועט זיין גענצליך אויסגעהיילט וועט ער אראפ קומען צו און אים דערציילן די גאנצע זאך וואס האט זיך אפגעשפילט פון ווען מ'האט געטראגן דזשים קיין וואשינגטאן ביז ווען זיי זענען געכאפט געווארן.

לואיס האט זיך אריין געזעצט אינעם קאר פון זיין בעה"ב צוזאמען מיט די זיינע צוויי אגענטן.

אנקומענדיג האט זיין בעה"ב געפרעגט לואיס צו ער ווייסט פארוואס ער האט אים אראפ גערופן.

לואיס זאגט יא, אויסצופארשן די מעשה. ניין?

ניין.

איך האב דיך גערופן ווייל איך האב צוגעזאגט פאר מאחמוד אז איך וועל ארויס ראטעווען פון איראן.

"און איך וויל דיך שטעלן אלס דער אנפירער פונעם אקציע"...

אבער נאך מער פון דעם.

די גייסט עס נישט אנפירן פון דא און אמעריקע, דו גייסט עס אנפורן פון איראן...!!!!!

נאך היינט נאכט פארסטו ארויס קיין איראן!!

# עפילאג.

.

שבת תולדות תשצ"ח.

ר' בנימין איז שוין א זיידע פון אפאר אייניקליך קע"ה.

ער האט געהאט זיין אייניקעל זושא'לע קומען צו אים אויף שבת.

אבער עפעס פון שבת נאכמיטאג איז זושא'לע זייער שטיל, ער איז פארטראכט.

זושא, עפעס גייט פאר?

ניין זיידי, איך האב נאר געליינט א שרעקעדיגע מעשה, די ביכל הייסט "ר' בנימין פארכאפט ביי די טעראריסטן".

האסט שוין אמאל געליינט די ביכל?

יא זושא'לע טייערע זאגט די זיידע מיט א שמייכעל.

איך האלט יעצט ווי דזשים איז פארכאפט און די עלעוועיטאר.

ס'איז אזוי שרעקעדיג...

זיידי זאג מיר נאר איין זאך, האט עס דזשים דורך געלעבט?

יא!

אז איך בין דא מיט דיר היינט מיינט אז ער האט עס דורך געלעבט!!!

ביידע קוקן זיך אריין און די אויגן און צושמייכלן זיך...